# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 41 - April 1965 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/5j73b6gs

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 41(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1965

**Copyright Information**
Copyright 1965 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

# 41

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב • און • שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

ניסן, תשכ"ה — אַפּריל, 1965

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


מעם דאַלעד: אַ פילפאַכיקער פאַרדינטער יובל . . . . . . . . . 3

ה. לאַנג: אַ שנירל חלומות (י. פרידלאַנדס צירונגען) . . . . . . 4

מלכה חפץ טוזמאַן: מע דאַרף זיין אָפּגעהיטן (ליד) . . . . . . 6

א. מ. פוקס: דער רויטער הערש (פּרעמירטע דערציילונג) . . . . 7

לוי גאָלדבערג: צו זיין אַ בוים; וויזיע (לידער) . . . . . . 9

אלף כץ: אַ נייע מעשה (אַ פאַבל פון די צוואַנציקער) . . . . . . 10

פ. פערלמוטער: ביים שאַטנדיקן לאַנד (ליד) . . . . . . . 11

יעקב זיפער: יעקב גייט אַריבער דעם יבוק (פון די חומש מעשיות) . . . 12

פינטשע בערמאַן: איך זינג ניט פון פרידן (ליד) . . . . . . . 16

מאַטעס דייטש: מחשבות וועגן טראַכטן (עסיי) . . . . . . . . 17

פעסיע הערשפעלד־פּאָמעראַנץ: סילועטן; ביים ים (לידער) . . . . 21

אברהם גאָלאָמב: וועלטלעכע יידישקייט און רעליגיע . . . . . . . 22

י. פרידלאַנד: „צוועלף און איינע" (פראַגמענט דערציילונג) . . . . . 29

ח. באַרקאַן: „צו וועמען?" (ליד) . . . . . . . . 33

חנה בושעל סאַלאַוו: אַ ליד אַ טרוים . . . . . . . . . . 34

אריה פּאָזע: לייענענדיק י. פרידלאַנדס שריפטן . . . . . . . 35

משה עטינגער: „אַ ליד ווערט געבאָרן" (ליד) . . . . . . . 37

ז. בונין: „ראָמאַנטיזם און רומאַטיזם" (ליד) . . . . . . . . 38

י. פרידלאַנד: אונדזער צייטונגס־וועזן און „חשבון" (אַן אָפענער בריוו) . 39

יהושע ריווין: מיר זעען; דעם גוטן, דעם שלעכטן (לידער) . . . . 41

גאָלדע שלאָסבערג דראַזד: „דער שאַליק" (סקיצע) . . . . . . 42

דוד ראַפּאָפּאָרט: בריוו צו חייקעלען (עלעגיע) . . . . . . . . 46

יצחק ניומאַן: דער יום־טוב פסח (עסיי) . . . . . . . . 49

יהושע גרינהאָף: די איינציקע רויז (ליד) . . . . . . . . 52

דוד אָפּאַלאָוו: אין אָוונט; שענער פון אַלץ (לידער) . . . . . 52

א. טאַבאַטשניק און מ. פוקס: באַגריסונגען פון פּרעמירטע . . . . 53

א. באַביטש: פעדער־שפּריצן . . . . . . . . . . . . 60

א. כראַבאַלאָווסקי: קולטור־כראָניק . . . . . . . . . . 61

משה שטאַרקמאַן; סאָלאָמאָן קאַהאַן; יצחק אייזנבערג; מלך ראַוויטש:
באַגריסונגען . . . . . . . . . . . . 66-69

באַגריסונגען פון קולטור־אָרגאַניזאַציעס און יחידים . . . . . . . 70-76


---


# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

**I. FRIEDLAND, *Editor***

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:
MATTES DEITCH - 420 So. Cloverdale Ave. - Los Angeles 36, Calif.

---

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור פּראָבלעמען

י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר — מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר

11טער יאָרגאַנג, נומער 41 • ניסן תשכ"ה, אַפּריל 1965 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


## אַ פּילפּאַכיקער פּאַרדינטער יובל

(באַגריסונג)

די יידישע לאָס אַנגעלעס פייערט דעם פּילפּאַכיקן יובל פון דעם פאַרדינסטפולן תושב זינט לאַנגע יאָרן, אַן איינגעזעסענער אין דער עיר הבירה פון דעם יידישן קולטור-ראַיאָן פון קאַליפאָרניע — דער שריפט-שטעלער י. פרידלאַנד, אַן אַקטיווער קולטור־עסקן וואָס האָט אַן אַ שיעור געזעלשאַפטלעכע פאַרדינסטן.

ערשטנס, איז ער אַ ליטעראַריש-שעפערישע פיגור אינעם קרייז פון דער ל. א. שרייבער-משפּחה. אַ דאַנק זיין ענערגישן מוט און אָרגאַ־ניזאַטאָרישקייט עקזיסטירט די ליטעראַרישע שריפט „חשבון", וואָס גייט שוין אַרויס איבער צען יאָר און האַלט שוין ביים נומער 41. ער איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר און פּינקטלעכער אַרויסגעבער.

זיין סטאַזש ווי אַ ליטעראַט האָט צו פאַרצייכענען אַ צאָל ביכער: „רוי־ערד", 1949; „פון פּאַסיפיק ביז כנרת", 1953; „וואַנדערונגען און נסיונות", 1959 און „אין טעג פון געראַנגל", 1962. חוץ דעם באַטייליקט ער זיך אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי אַ דערציילער און זשורנאַליסט. אַ סך פון זיינע אַרבעטן ווערן איבערגעדרוקט אין פאַרשיידענע אויסלענדישע שריפטן.

צום לויב פון זיין שריפטשטעלערישן חוש האָט ער אויך פאַרטראַכט די י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פּרעמיע פאַר דער בעסטער דערציילונג און עסיי. הייַ־יאָר איז אויסגעטיילט געוואָרן דער פינפטער אויסטייל צו א. מ. פוקס און אַברהם טאַבאַטשניק (ישראל און ניו־יאָרק).

חוץ די אויבנאויסגערעכנטע פאַרדינסטן איז י. פרידלאַנד דער פאָרזיצער פון דעם באַוואוסטן ל. א. יידישן קולטור־קלוב, וואָס פירט דורך יעדן שבת צונאַכט, אין אייגענעם לאָקאַל, ליטעראַריש-מוזיקאַלישע פּראָגראַמען, וואָס טראָגן דורכאויס אַ יידישן קולטורעלן כאַראַקטער. י פרידלאַנד איז שוין אַן אַקטיווער פּרעזידענט ביי דער וויכטיקער יידישער אינסטיטוציע 25 יאָר — אומקאָמפּראָמיסלעך יידישדיק.

אַרום און אַרום איז אָט־דער ענערגישער שרייבער, רעדאַקטאָר, קולטור־עסקן, פאַרלייענער און מיטגליד פון אַ צאָל אַנדערע יידישע

אינסטיטוציעס און בוך־קאַמיטעטן, וואו זיין אַנגעזעענער נאָמען איז אויף דער ערשטער שורה ביים דורכפירן פאַרשיידענע אַקציעס.

בכן האָט די יידיש־קולטורעלע געזעלשאַפט צוזאַמען מיט דער שרייבער־משפחה און דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב באַשלאָסן דורכ־צופירן דעם יובל כדי צו פאַרצייכענען אָט־די פאַרדינסטפולע דאַטע: פופציק אַקטיווע, ליטעראַריש־שעפערישע און געזעלשאַפטלעך־טעטיקע יאָרן אין אונדזער יידישער סביבה.

דער בעל־יובל האָט זיך דערוואָרבן זייער אַ סך פריינט און פאַר־ערער. און דאָס אַליין איז נישט קיין קלייניקייט אין אונדזער געזעלשאַפט־לעך לעבן; ס'איז דער סימן מובהק פונעם מענטשנס איבערגעבנקייט, כאַראַקטער און אחריות צום כלל.

כדי אויסצודריקן אָט־די אַנערקענונג איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ליטעראַרישער אָוונט דעם 6טן מערץ, 1965, טאַקע אין יידישן קולטור קלוב, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ געלעגנהייט.

די דאַטע איז דאָ. מיר דאַרפן זי נאָר מאַכן היסטאָריש מיט אונדזער אָפּצייכענען דעם פייערלעכן יום־טוב מיט די בעסטע ברכות פון אַלע פריינט און פאַרערער:

אַ סך שעפערישע יאָרן ווינטשן מיר דעם בעל־היובל י. פרידלאַנד.

מעם דאַלעד

---

ה. לאַנג

# אַ שנירל חלומות

(י. פרידלאַנד'ס צירונגען)

צום דיכטער מאַטעס דייטש,

סעקרעטאַר ביי דער „חשבון"־רעדאַקציע.

חשובער פריינט און קאָלעגע דייטש:

אַוודאי וויל איך מיר איינשליסן אין דער גרופּע שרייבער־קאָלעגן צו יום־טוב'ן דעם יובל פונם „חשבון"־רעדאַקטאָר, י. פרידלאַנד, די פופציק יאָר זיינע מיט אַ יידיש פעדער אין האַנט פאַר נאַוועלן און צו דינען יידיש־קולטור. איך קלער אָבער אויך וועגן זיינע צען יאָר פריער, און עס איז מעשה מיט דריי דורות און אַ שנירל חלומות.

חלומות ווי אַ שנירל פערל, וואָס איז י. פרידלאַנד'ס צירונג, און וואָס גע־שפּונען דאָס שנירל האָט אונדזערביידנס לעבנס־צייט.

זיינס און מיינס.

מיינע יובל־ברכות צו אים זיינען דערפאַר פון אַ בן־הדור צו אַ בן־הדור.

רבונא דעלמא כולא, מיט וויפיל בענקשאַפט, ראַנגלעניש און תפילות, חורבן־טרערן און אויסקוק אויף גאולה, זיינען אונדזערע דריי דורות דורכגענומען.

צער אין מיטן פרייד, און פרייד אין מיטן צער.

אויסגעברענטע חלומות און אָנגעצונדענע פון־דאָס־ניי.

לאָמיר דאָ בלויז איבערציילן די פרידלאַנד־חלומות וואָס יעדער איז אַ רייך קאַפּיטל.

חלום נומער איינס:—

דאָס יאָר 1905. פרידלאַנד'ס היימשטאָט, זשיטאָמיר. די שטאָט גופא איז אַ יידישער חלום, אַ פערל אין די יידישע שאַצקאַמערן. ס'איז דאָך ביאַליק'ס שטאָט, אויך סלאָנימסקי'ס און ש. צ. זעצער'ס, טיילווייז אויך גאָלדפאַדען'ס, זשיטאָמיר, וואָס איר נאָמען אזי אויף פיל הייליקע ספרים, געדרוקט ביי איר. אַ שטאָט מיט לומדות, מיט השכלה, מיט ניי־העברייאיש און אויפגעבליט יידיש־ליטעראַטור, בונד און פועלי־ציון, סאָציאַליזם און רעוואָלוציע — און פּאָגראָם. רוסישע רעוואָלוציע האָט יידיש געדאַנק און נשמה. דער פרידלאַנד־דור זעט דערין משיחיזם. נאָר פּאָגראָם זיגט. אַזוי ביז היינט. זשיטאָמיר איז אַן אויס־געברענטער יידישער פאָלקס־חלום. ניטאָ מער קיין יידישע זשיטאָמיר.

חלום נומער צוויי:—

אימיגראַציע אין אַמעריקע. פרייהייט, שטראָמען ענערגיע, אַ שעפעריש יידישע יוגנט; אייגענע ליטעראַטור, אייגענע סאָציאַלע אידייען. יידיש שפיגלט. ברייטער זשורנאַליזם און טעאַטער־קולטור. נאַציאָנאַל יידיש שטרעבן. פונדער־ווייטנס ווינקט ארץ ישראל. פרידלאַנד'ס טרוימעריי איז ביי אַ קייט „פרייע געזעלשאַפט"־קלובן, אַז קולטור זאָל שטיין העכער פון פּאָליטיק. יידישער אַנאַר־כיזם קעגן מאַרקסיזם, אַ פילאָזאָפיע פאַר דיסקוסיע. נאָר שטראָם צו אַרבעטער באַוועגונג פאַרשווענקט אַלץ. פאַרגייענדיקער חלום מיט אַ קוש און אומעט.

חלום נומער דריי:—

ס'איז אויך ברוך בענדער'ס חלום. ברוך בענדער, דער ליבער, באַהאַרצטער, האַרעפּאַשנער העלד מיט אַ גרויסער נשמה פון י. פרידלאַנד'ס ווערק „רוי־ערד." ציוויליזאַציע מאַכט מיד, רופן פעלדער, יידן זוכן אייגן טעריטאָריע, און דווקא מיט „סאָכע מזל־ברכה", פאַרלאָזט מען שטעט און מען גייט צו די וויסטענישן פון וויטן וועסט, צו דער מאָרמאָנישער יוטאָ. די „קלאַריאָן"־קאָלאָניע. באַנייטער חלום פון היסטאָרישן „עם־עולם" און פאַראויס־חלום פון חלוצישע קיבוצים אין ארץ ישראל. פרידלאַנד איז דערין פון אַנהייב ביז'ן סוף. און דער סוף איז, דער עלנדער קבר פון ברוך בענדער אין די זאַמדיקע טאָלן אין יוטאַ'ר בערג. לייענט די פרטים אין פרידלאַנד'ס „רוי־ערד" און איר'ט עס לייענען אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל און אַ צענטן מאָל. עס צופּט אין די בלוטן. אַ קבר פון אַ חלום אונטערן וואָיען פון הונגעריקע קאָיאָטן.

חלום נומער פיר:—

עס נעמט אויפשטייגן די זוניקע לאָס אַנדזשעלעס. עס מערן זיך יידישע פאַמיליעס. עס בויען זיך אָרגאַניזאַציעס. עס קומען שרייבער. אַ חלום שיינט אויף. מ'וועט זיך פאַרמעסטן מיט אַן אייגן זשורנאַליזם, אַ יידישע שטאָט־פּרעסע. עס ווערן וואָכן־שריפטן און טאָג־צייטונגען. פרידלאַנד נעמט אַ פעדער. ער העלפט אויפשטעלן רעדאַקציעס. מען שרייבט, מען רעדאַקטירט, מען דרוקט, ביז — לאָס אַנדזשעלעס ווערט אַ גרויסע יידישע שטאָט, און אין יידישן אימפעט פאַלן פאַנאַנדער די יידישע אותיות, די פאַרעקשנטע, די שטאָלצע, די אייביק־אַריסטאָקראַטישע, יידישע אותיות.

חלום נומער פינף:—

פיר חלומות זיינען אַוועק צו די חושכן פון דער וועלט. דער פינפטער אָבער

מלכה חפץ טוזמאַן *)

# מע דאַרף זיין אָפּגעהיטן

ווערטער ווינען
פייגל אין אַ שטייג

איינמאָל
דו לאָזט זיי אַרויס —
זיי וועלן שוין צוריק
ניט קומען

איך האָב געזען
דו האָסט אין זיי געשאָסן מיט געניטן
פּסיכאָ־אַנאַליז ביקסל

האָסט געטראָפן
אין די פליגל פון
די אומשולדיקע פייגל מיינע

מיר —
אַ גרויסער שאָדן
דיר —
ניט קיין פרייד

מע דאַרף זיין
אָפּגעהיטן
מיט אַזעלכע ביקסלעך...

*) צו דער דערשיינונג פון דער דיכטערינס נייַ בוך: „שאָטנס פון געדענקען"

ליכטיקט ווי דער חלום פון אונדזער טאַטן יעקב מיטן לייטער אַזש צום הימל. די לאָס אַנדזשעלעסער צעוואָרפענע יידישע אותיות קריגן זייער תיקון אינם יידישן קולטור־קלוב. די אותיות און די פולע שריפטן, די ווערק און זייערע מייסטערס, די שרייבער, דענקער און דיכטער. ס'איז אַ יידיש־ליטעראַרישער בית־המדרש, וואָס שמ'ט מיט תפארת אין דער ווייטער יידישער וועלט אַריין, און י. פרידלאַנד היט אים אָפּ, פירט אים און צירט זיך מיט אים. און אין דער צירונג איז דאָס גאַנצע שניירל חלומות, אויך די אומגעבראַכטע.

סאַלוטירן מיר אים צו זיין יובל מיט חברשער פולהאַרציקייט.

א. מ. פוקס (רמת־יוסף, ישראל)

# דער רויטער הערש

(דערציילונג — פרעמירט פון דעם „פרידלאַנד פאָנד“)

דער אַלטער רויטער הערש קומט אָן שפּעט, איינער אַליין, צום וואַסער־טרונק. ער וואַרט אָפּ. ער טרינקט נישט פון איין וואַסער מיט אַנדערע וואַלד־חיות. ער שטייט פונדערווייטנס אויף זיינע לאַנגע, דינע פיס, צווישן צוויי דיק־צעוואָרצלטע דעמב־ביימער. די צעצווייגטע הערנער־קרוין זעט אויס ווי אַ קליינער דעמבע־בוים אויף זיין שמאָל־לענגלעכן קאָפּ.

ער שטייט און וואַרט אָפּ ביז וואַנען דאָס טרינקוואַסער ווערט ריין און קלאָר. ווען עס פאַלט אַ לבנה־שטראַל דורך די ביימער־צווייגן מיט באַכטיקן געבלי אויפן וואַסער־שטראָם, און אַ גריך־געראויטלטער שטערן שפּיגלט צעוויגט אין דער וואַסער טיפעניש פון אונטן אַרויף — געגענט ער, דער אַלטער הערש, צום פלוס־ברעג. ער טרינקט ס׳קלאָרע קוואַלוואַסער און זיין צעצווייגטער הערנער־קאָפּ רינגלט זיך אין דער זילבערדיקער בלוי־צעוויגטער וואַסער קלאָרקייט. ער טרינקט ווייניק, וואָרן ער פּיטערט זיך אויף ראָסע־גראָזן, זאַפּטיק בלעטער־גרינס, מילך־געווירציקער קוסטע־שפּראָצונג און ער איז קיינמאָל נישט צופיל דאָרשטיק. אַצינד טרינקט ער נאָך ווייניקער, קוים וואָס ער באַרירט די פרישע וואַסערנעץ.

ער הייבט אויף זיין צעצווייגטן קאָפּ פון וואַסער מיט אַ פאַרטרויערטן בליק אין זיינע גרויסע, ברוינע אויגן, גלייך ער איז געקומען צום לעצטן מאָל אַהער, צום וואַסער טרונק. ער גייט אַוועק שטיל און מיד אַהין, אין קילן וואַלדיק־צעצווייגטן שאָטן־געפליטער, צווישן די דיקע ביימער־שטאַמען.

דער רויטער הערש וואַנדערט אַזוי טעג און נעכט לאַנג, פאַרשמאַכט און פאַרצערט פון עלטער. זיין קאָפּ איז מיד אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט שוין נישט געקאָנט דערטראָגן די משא פון זיין הערנער־געצווייג. אין זיינע אויגן בלייכט זיך אַ חלומדיק פאַרהוילענער בליק. עס ציט אים ערגעץ צו די טונקעלע פאַרבאָרגענישן פון וואַלד.

ער וואַנדערט אין דער קיל־געשאָטנטער וואַלד־גרינקייט פון די זומער־טעג. אין די נעכט דרימלט ער מיטן הערנער־קאָפּ מילד אָנגעלענט אויף אַ דיקן, נידריקן בוים־צווייג אין דער וואַלדיקער געדיכטעניש.

מיטן טאָג וואַנדערט ער ווייטער.

* * *

אין האַרבסטיק־געליכטיקטן וואַלד וואַנדערט דער רויטער הערש מיט באַדאַכט. דאָס גילדענע וויאַנען פון דעם פריהאַרבסטיקן וואַלדגרינס שימערט אין זיינע אויגן, און ראָז־רויטער אָפּשטראַל פונעם זונאויפגאַנג פלאַקערט אויף די שפּיצן פון זיינע הערנער.

אין אַ פאַרבאָרגעניש צווישן ביימער־שטאַמען קוקט ער נאָך דעם צעהעשטן געיעג־לויף פון די וואַלד־חיות און איז גרייט צום באַשיץ מיט זיינע שאַרפע הערנער. ער אָטעמט פריי מיטן האַרבסט־געווירציקן וואַלדגערוך פון די פאַרוויאַנעטע קוסטן־געוויקסן און בלעטערפאַל, געצייטיקטן זאַמען־פאַרשיט, הענגלעך

זויערע, רויטע קאַלינעס, ביטער־וואָרצלען, מירטל־גרינס און ווילדע וואַלד־פּרוכטן. זייַנע דינע, לאַנגע פּיס זינקען אין די אָנגעשיטע וואַלד־הויפנס פון בלעטערפאַל און דאָס האַרבסט גאָלד גיסט זיך צענויף מיט זיין גלאַטהאָריק גערייטלטער לייבפעל.

זיין וואַלד־וואַנדער באַשווערט אַלץ מער זייַנע שלאַנקע פּיס און אַ פייַנלעכער צער איז פאַרשניטן אין זייַנע לויטערע אויגן.

שפּעט־האַרבסטיקע ווינטן באַפאַלן דעם שוואַרץ־פאַרוואָלקנטן וואַלד מיט קאַלטע גאָסרעגנס, מיט צערוישטן וואַסער־פּלייץ. רויט־צעפלאַקערטע בליצן שפאַלטן ווי פייַער־שפּיזן די אַלטע, דיקע דעמבע־ביימער מיט גרין־צעצונדענעם צאָרנפלאַם און שניידן זיך איין אימהדיק אין די שווער צעטרייסלטע ביימער־צווייגן.

דער נאַקעט־געשוואָרצטער וואַלד טריפט מיט קאַלטן נעץ־נעפּל ביז אין די טיפענישן פון זייַנע וואָרצלען.

און דער אַלטער הערש גייט אַן איינזאַמער, אַ באַרעגנטער און מיד איינגעבויגענער זיין לעצטן וואַנדערוועג אין וואַלד.

* * *

ס׳הייבן אָן בלאָזן אייז־קאַלטע ווינטער־ווינטן איבערן נאַקעטן וואַלד. די ליידיקע צווייגן פון די צעקרימטע וואַלד־ביימער ווערן באַהעפט מיט אַ קלאָרן אייז־געפריר, ווי באַצירט מיט אַ קרישטאָלענעם געבלי.

דער רויטער הערש פאַרבאָרגט זיין שמאָלן קאָפּ מיט זיין צעוואָקסענעם הערנער־געצווייג אין מיטן פון אַ נידריקן דעמב. ער עסט פון די הויפנס ביימער־בלעטער, דינע צווייג־ריטלעך און לעקט מיט דער צונג דעם ערד־שניי. ער דרימלט אין דער טונקלעניש פון דער וואַלד־נאַכט מיט אָפענע אויגן, שטייענדיק אויף זייַנע דינע, לאַנגע פּיס.

פונעם אייזערנעם הימל־גענידער פאַלט אַראָפּ אַ ווינט־שטורעם אויף דעם ווייסן געבלייך פון דער שניי־פאַרשאָטענער ווינטער־וועלט. צוערשט שלייכט דער צערייכערטער פראָסט־גענעפּל מיט באַשווערטע לאַפּע־טריט, ווי עפּעס אַ יענע־וועלטיקע חיה. פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף, אָנגעטראָגן פון די צפון־ווייטענישן, באַפאַלן, באַפאַלן די שטורעמווינטן מיט בייזן געהויל דעם אַלטן, געטונקלטן וואַלד.

די שטורעמווינטן, זיי רייסן, שטויסן, וואַרפן און האַקן מיט די אייז־אָנגעפרוירענע שנייבערעס די הויך אין ברייט פאַרצווייגטע ביימער־ריזן, מיט זייערע דיקע, שוואַרץ־מאָכיק באַקאָרעטע און סענקאַטע ביימער־שטאַמען. זיי וואַרפן מיט די ביימער־צווייגן, רייסן די וואָרצלען, ברעכן די קוסטעס און הייבן אויף מיט צעפייפטן ווינט־געשליידער די הויפנס אייז־אָנגעפרוירענע ביימער־בלעטער פון דער וואַלד־ערד און צעשיטן זיי מיט בלינדן געוואירבל.

די פוסטריט־צייכנס פון די וואַלד־חיות ווערן פאַרשיט און אויסגעגלעט און די רויבפייגל אויף די צווייגן פיקן פאַרקלערט דעם גרינעם אייז־געפריר מיט די שטאַרקע שנאָבל־שפּיצן. זיי שאַרן דעם שניי מיט אָפענע אויגן פון די ביימער־צווייגן מיט זייערע פיסנעגל ביז זיי דרימלען שטיל איין מיט אָפענע אויגן אין דעם בלאָ־פאַרדעמערטן אָוונט־שאָטן.

די שטיינערנע היילן און די פאַרבאָרגענע טיפענישן פון וואַלד זיינען אָנגעוואָקסן מיט שוואַרצן מאָך־געהויף. די אַלטע נאַקעט־צעקרומטע דעמבע־ביימער שטייען דאָ שוין טיף אָנגעבויגן מיט געליימטע הענט און פיס; מיט צעקנאָדערטע, ליידיק אויסגעהוילטע שטאַמען, מיט אָפּגעשיילטע קאָרע־לייב און אָרויסגעהויבענעם וואָרצל־געפּלעכט, ווי פאַרדאַרטע געדערים־בינטן. די וואַלד־ערד איז דאָ נאַקעט פאַרשטיינערט, אָן לעבעדיקן אָטעם. די אונטן־טונקלעניש איז פאַרוועבט מיט אַ פאַרגרינטער שטערן־נעץ.

דער רויטער הערש קומט צו זיין אייביקן רואָרט אין דער מאָך־באַוואַקסענער פינצטערניש פון דער שטיין־הייל. ער לייגט זיך אַנידער מיטן פּנים צום טונקעלן וואַלד־דרויסן, אָנשפּאַרנדיק זיין שווערן קאָפּ מיטן גרויסן הערנער־געצווייג אויף אַ שטיין. ער שטרעקט אויס זיינע דינע פיס, פאַרמאַכט זיינע גילדן־ברוינע אויגן און דער לעצטער אָטעם זיינען פאַרשוועבט מיט נאַכטיק־פאַרשאָטנטן שטום־שווייגן פונעם אַלטן וואַלד.

---

לוי גאָלדבערג

## צו זיין אַ בוים

(י. פרידלאַנדן אַ מתנה)

איך וואַקס אין ווייסער ראַסע צו דערגרייכן הויך
ווי אין אַ וואַלד אַ בוים, צווייגן צו די שטערן.
גאָט דער היטער, ער באַשיצט מיך אַז איך זאָל אויך
ווי בוים אין זיין פאַרפלאַנצונג ניט פאַרשניטן ווערן.

אין אַלע מיינע צעכן, איז מיר אָפּט געווען באַשערט
פרייד צו שניידן, ווי אין פעלד גערייפטע קאָרן;
און לעבן מיט דער פרייד אויף אַ קאַלטער ערד
צו הונגערן נאָך ליד, ביז אין די רייפע יאָרן.

שניט פון בליץ, דונערקנאַל, און דער שטורם־שד,
זיי האָבן מיך געריסן פון דעם איינגעפּענטן נידער;
נאָר איך אין ווייסער ראַסע וואַקס ווי אָן אַ מינדסטן חטא
צו זיין אַ בוים אין וואַלד, מיט מיינע בלעטער־לידער.

## וויזיע

די וועלט אין איר פיבער—
די וועלט די צעדולטע,
ווי טייג אין אַ מולטער
דער דיכטער קנעט איבער.

עס קנעט אין די אותיות
דער דיכטער גאָטס פייער.
מיט ליד, זיין צעשטייער
קומט ווידער בראשית.

און מענטש אויף זיין שטאַפּל
אין טפל באַצייכענונג—
צו הויכער דערגרייכונג
ער ציגדט זיין שוואַרצאַפּל.

וועלט, ווערט פאַרגעטערט.
מענטש, אַ דערפרייטער:—
צו גאָט, אויפן לייטער,
ווי יעקב ער קלעטערט...

# אַ נייע מעשה

(אַ פֿאַבל פֿון די צוואַנציקער)

אַ חיה, וואָס מען האָט פֿון איר נאָך קיינמאָל
אין קיין פֿאַבלען נישט געהערט,
האָט אַ מאָל אַ נייע מעשה אויסגעקלערט.
דאָס הייסט, נישט אויסגעקלערט אינגאַנצן, ניין!
נאָר, ווי דער שטייגער איז,
אַ ביסל צוגעפּוצט אַ זאַך,
וואָס איז געשען מיט איר אַליין.

און באַלד
האָט זי פֿאַר אַלע חיות אין דעם וואַלד
וואָס האָבן אַרום איר זיך נייגעריק פֿאַרקליבן,
די מעשה אויסדערציילט מיט גיכע אָבער שיינע רייד,
און אַלע חיות האָבן אויסגעהערט און זיך געפֿרייט,
וואָס סוף־כל־סוף וועט אויך פֿון איר
אין פֿאַבל־ביכער זיין פֿאַרשריבן.

בלויז דער פֿוקס,
וואָס דאַרף דאָך, ווי באַוואוסט,
דעם פֿאַבל־שרייבער אַלץ דערציילן,
איז געשטאַנען ברוגז און פֿאַרשטאָקט,
און האָט גאָרנישט ניט געזאָגט.
אַ צאָרן האָט אין אים געברענט
אַמאי די חיה האָט צו אים
זיך פֿריער נישט געווענדט,
צו אים אַליין, בלויז אויג אויף אויג,
איידער זי האָט דאָ פֿאַר אַלעמען
די מעשה אויסגעפֿויקט.

אָפּגעשוויגן,
האָט דער פֿוקס צערעדט זיך מיט אַ ניגון,
ווי געגאַנגען וואָלט אים האָניק פֿון דעם מויל.

— אַ שאָד, מיין טייערע, אַ שאָד!
ס׳איז די מעשה שיין און וואויל,
וואָס שייך זאָגן? . . . גרויס!
נאָר וואָס קומט דערפֿון אַרויס?
(האָט ער אַ קרעכץ געטאָן כמעט מיט טרערן)

איך קען זי שוין דעם פאַבל־שרייבער
נישט דערציילן איצט... פאַרפאַלן, אוים!
ווייל ווי וועט ער זי וועלן הערן,
ווען געהערט זי דאָ אַצינדער צווישן אונדז
האָט אויך די מויז?

דער פוקס איז אָבער דאָך געבליבן מיט אַ נאָז,
ווייל די חיה נישט געווען איז קיין שרעקעדיקער האָז,
און עקשנותדיק,
נאָך לאַנגער מיעניש און גראַבלען,
זיך אַליין דערשלאָגן צו דעם שרייבער פון די פאַבלען.
נישט נאָר דאָס,
געקומען איז זי צו דעם שרייבער
פונקט אין צייט און אומגעריכט,
ווען געזוכט האָט ער אַ נייע מעשה
ווי מיט ליכט.

**פ. פערלמוטער**

# ביים שאָטנדיקן לאַנד

די זון זי וועקט מיך אויף איעדן אינדערפרי;
מיין טיש שטייט גרייט מיט פרוכט און זעטעוודיקן ברויט.
ס'קלאַפּט אין מיין טיר אויך אָן אַמאָל די אַלטע נויט —
איך זע דעם שפרונג פון הירש, דעם פרייען פויגלפלי.

דער בוים ווערט רייך פון טאָג צו טאָג מיט שווערן בלי,
האָסט אויך באַשערט מיר מיט אַ שטילער, צאַרטער פרוי
מיט ווייסע הענט, געזאַנג אין קול און אויגן בלוי;
זי פאַרטרייבט דאָס בייז און וויגט מיך איין אין רו אַזוי.

נאָר איך הער דעם רויש פונם אַלץ־פאַרשלינגענדיקן ים,
ער שלינגט אַריין מיין טאָג, פילט אָן מיין נאַכט מיט סם —
כ'שלייך זיך ביים זייט פון וועג מיט וואַקלדיקן טראָט.

די זון פאַרגייט גאָלדיק אין שאָטנדיקן פלאָם,
מיין האַרץ פון אומעט, ווי ביים הינקעוודיקן לאָם;
איך פרעג: פאַרוואָס, פאַרוואָס איז אומעטיק מיין האַרץ, אַ גאָט?

יעקב זיפּער

# יעקב גייט אַריבער דעם יבוק

## (פון די חומש מעשיות)

מלך ראַוויטשן אַ מתנה צו די זיבעציק

דער אָוונט איז צוגעפאַלן פּלוצים. אויף יענער זייט טייך האָט דער הימל נאָך אַ ווײַלע פייערדיק געפלאַמט, נאָר אינמיטן טייך און לענג־אויס מיטן שטראָם האָט דער טונקל זיך שוין געטראָגן אַ הויערנדיקער מיט אַ נעפּל אַ געדיכטן און פאַרשטעלט דעם פלאַקער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין אײַנשרימפּן און נידערן הינטערוויילעכטס.

אין איילעניש האָט יעקב קוים אָנגערירט די לעצט געבליבענע זאַכן, וואָס זײַנען נאָך געלעגן אויפן ברעג. פלינק און געשיקט זײַנען זיי געפלויגן פון זײַנע הענט אויף די צעגויפגעשלאָגענע קלעצער אַרויף, וואָס דאַרפן אים אַריבערפירן אויף דער אַנדערער זייט; מיט דער איילעניש איז אָבער דער צאַפּל אין אים געוואַקסן און ר'האָט אויף קיין רגע נישט געקענט אָפּטאָן די גרויסע שרעק־אויגן פון דער הויערנדיקער געדיכטקייט וואָס איז געקומען אַלץ נעענטער.

„נאָך וואָס האָט ער געדאַרפט אַריבערפירן אַהין דאָס גאַנצע הויזגעזינד, און בעסער ניט געוואַרט דאָ אויפן ברודערס מחנה? צוליב וואָס נאָך אַנטקעגנגיין דער סכנה? פאַרוואָס איז ער בעסער אַליין נישט פאַראויסגעגאַנגען איבערבעטן דעם ברודער און אָפּווישן דעם וואָלקן פון כעס פון זײַן פּנים? ווי לאַנג וועט ער דען קענען אויסמײַדן צו באַגעגענען די סכנה פּנים אל פּנים? נאָך אָט די פּאָר קלייני־קײַטן און ער וועט אַריבערשווימען אויף דער אַנדערער זייט.“

דאָס געווימל פון די טשערעדעס דאָרט צאַפּלט ציטערנדיק אין אים, „זיי קענען זיך שוין קוים דערוואַרטן אויף זײַן קומען און גיין פאַראויס פאַר זיי. ער מוז זיך נאָך מער אײַלן“— האָט ער אַ לעצטן בליק געטאָן אַרום זיך און שוין געוואָלט אָפּשפּרינגען פון ברעג, נאָר פּלוצים דערפילט אַז ער קען זיך נישט רירן פון אָרט. אַ גליוער האָט אים אַרומגענומען און צוגעשמידט צום אָרט מיט שטוינען און פאַרטייעטקייט. אָט אַזוי האָט ער געשטוינט אין גליווער אַמאָל אויף „יענעם אָרט“ פון שטיין און זאַמד און גרויע ערב־נאַכט שאָטנס, ווען ר'איז געגאַנגען קיין חרן. אויך דאַן האָבן די גרויע שרעק־אויגן געצאַפּלט פונעם פאַרהוילענעם כעס־וואָלקן פון ברודערס פּנים. אויך דאַן איז ער געווע אײַנגאַנצן אַליין אין שרעק און טונקל וואָס פאַרדעקט דעם לעצטן פלאַם און די שפּיציקע שטיינער וואָס הויערן אַרום. עס ציט אים אויך איצט צו באַהאַלטן זיך הינטער די גרויע הויפנס, אָבער דאַן האָט אים די אַליינקייט געיאָגט צום שטיין און די שטילקייט אַרום האָט געאײַלט זײַנע טריט: „ביסט איינער אַליין, באַהאַלט זיך און קוק זיך צו פון דער זייט...“ איצט, רופן אים די קולות פון די זייניקע פון יענער זייט און אײַלן אים מיט צאַפּל צו קומען צו זיי: „ביסט מער נישט איינער אַליין, יעקב, קענסט זיך מער נישט באַהאַלטן און לויערן צו זען פון דער זייט. דאַרפסט דאָך גיין פאַראויס. אײַל פון דאַנען!“

ס'איז אים אָבער נישט גאַנץ קלאָר וואוהין ער דאַרף זיך אײַלן.

„וואו זיינען זיי?"

די קולות קומען איצט פון אַלע זייטן. ער הערט דאַכט זיך אויך זיין אייגן קול צווישן די קולות: „אַזוי זאָלט איר זאָגן צו מייך האַר!" אַט זיינען דאָך די מחנות וואָס ציען פאַראויס קוים מיטן אויג צו דערבליקן, און הינטער זיי שלאַ־בעריקט נאָך דער פּחד פון גאַנצן הויזגעזינט: „מיין האַר!"

ער שטאַרקט זיך, אַפּצורייסן זיך פון אָרט און די פיס פאָלגן אים נישט. ער רייסט זיך מיט אַלע כוחות: „ער מוז זיך דאָך איילן," און שטייט אויף איין אָרט. איין פוס אויפן ברעג און דער צווייטער אויפן ברעט וואָס איז צוגעפּעסטיקט צו די קלעצער וואָס פליעסקען זיך אין פאַרנעפּלטן טייכל...

„וואוהין דען, האַר?"— האָט ער מיט אַ צאַפּל אַ ריס געטאָן פון זיך אויפ־שטאַרנדיק די אויגן אַרויף ווי דאָן אין „יענעם אָרט", נאָר דאָס מאָל שטראָלט נישט דער שטערן־לייטער פון דאָרט. עס פלאַטערט נישט אין געפלעכט פון בליצן־שיין דער טרעפּן־טאַנץ פון מלאכים אַרויף און אַראָפּ. אויפן אָרט פון דער ציטערנדיק דורכזיכטיקער העלקייט פון הימל ביז דער ערד, הויערט אַ גליוועך פון געדיכטער פינצטערניש איבער אים און אין אים. מיט מיליע־מיליאָסן קלאַמערנ־דיקע הענט און פיס און אָפענע גליטשיקע מיילער רינגלט זי אים אַרום פון אַלע זייטן; פון דער הויך און פון אונטן, פון הינטן אויך פון פאָרנט און פון סאַמע אייגענעם אינגעווייד. און שטום־רעדעוודיק איז זי און נעמט אים אַרום מיט געשפּענסטיקן באַשייד פון אַלע שרעקן פון אַמאָל און שפּעטער.

„נישטאָ קיין וואוהין, יעקב!"— דערשפּירט ער נאָך אַמאָל דעם גרויליקן באַשייד פון בלינדן טאַטנס אַנגסט ביים דערוויסן זיך אַז מ'האָט די ברכות אויס־גענאַרט ביי אים און צעמישט.

„דיין האַריקער ברודער איז מיט דיר אומעטום. קענסט זיך נישט אָפּשיידן פון אים. וויפיל דו זאָלסט זיך נישט דערווייטערן פון אים און אַנטלויפן, איז עס בלויז אויף אַ ווײַלע, כדי דיין הויזגעזינד זאָל קענען געדייען און ווייטער ציען. די ברכות זיינען צעמישט איצט און די שווערד איז אין זיין האַנט. טאָרסט נישט בלייבן אינגאַנצן אַליין ווי איך מיט מיין אויגן־טונקל. דאָס מעסער איז אָנגע־שאַרפט און אויפגעהויבן, און דער ווילן פון האַר איז פאַרהוילן נאָך. זאָל דאָס האַרץ פון דער מאַמען דיך פירן צום גוטן באַהעלטעניש און עפענען דיינע אויגן און אויערן, דעק אָפּ דיינע גלאַטע הענט און היט זיך צו בלייבן אַליין מיט אים פנים צו פנים"— צאַפּלט עס אין אים מיט גרויל פון טאַטנס אַנגסט.

„בלויז מיטן שטעקן בין איך אַריבער דעם ירדן און איצט אַ הויזגעזינד פון צוויי מחנות די גרויס. כ'בין נישט אַליין, האַר!"

„אויף יענער זייט זיינען זיי שוין נאָך פון אָנהייב אָוונט און דו ביסט ווידער אַליין! קענסט זיך נישט אָפּשיידן פון מיר"— האָט ער דערפילט ווי מ'נעמט אים אַרום מיט אַ געפלעכט פון שטייפע הענט.

„איצט זיינען מיר איינס, און נישט מיר וועלן אַנגסטן און נישט מיר וועלן בענקען איינער צום אַנדערן. הערסט, דאָס געוווימל פון די טשערעדעס אויף יענער זייט, איז שוין אויסגעאָנגען. זייער שרעקעדיקער יאָמער איז נישט דיינער מער. ביסט אַליין מיט מיר ווי איך מיט דיר."

„אַ וואַנדערער בין איך און וואַנדערער זיינען געווען מיינע עלטערן, און מיין הויזגעזינד איז יונג און ציטעריק, פאַרשטעל מיר נישט דעם וועג," האָבן הענט און פיס און אַלע חושים געריסן זיך פון גליוועך. „איך הער זייער בלעקעכצן אין אַנגסט נאָך מיר אין וואַרטעניש."

„כ'בין געקומען צו מאַכן אַ סוף צום וואַנדערן און וואַרטעניש. דער זיידע רופט צוריק דעם פעטער ישמעאל פון מדבר, און דער טאַטע ווערט דערלייזט פון זיין טונקל. זע, ביט ער צעמישט, ביט ער אַנגסט מער. ישמעאל קומט אַהיים און דער פייל און בויגן איז מער נישט אָנגעצויגן. דאַרפט זיך מער נישט באַהאַלטן אונטער הויפנס און שטיינער אויף בלענדנדיקער בליצן-שייַן."

„איך זע גאָרנישט ניט אין דער פינצטערניש. די אַנגסט פון מיין הויזגעזינד איז מיט מיר," האָט עס מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם געגרוילט אין אים און געשטייפט זיינע הענט צו ראַנגלען זיך מיט דער גערדיכטעניש, וואָס האַלט אים צוגעשמידט צו דער ערד. „ווער ביסטו, וואָס פאַרשטעלסט מיר, דאָס שטראַלן-ליכט פון „יענעם אָרט" אויפן וועג קיין חרן?"

„עס האָט געזאָלט זיין מיין וועג אויך, ברודער; אַזוי פון סאַמע אָנהייב, דיין האַנט פאַרקניפּט אין מיין פוס, און זינט די מאַמע האָט דיך פאַרשטעלט פאַר אַ האַריקן און פאַרפירט מיט גענאַר די בענקשאַפט פון בלינדן טאַטן, איז מער קיין חילוק נישטאָ צווישן מיין רויט-האַריקייט און דיין ווייס-גלאַטיקייט; מיין שווערד איז פונקט אַזוי געבענטשט ווי דיין שטעקן. מיר זיינען איינס איצט. דאַרפסט מער נישט וואַנדערן און איילן זיך."

ערגעץ אין דער הויך, אין דער ענדלאָזער ווייטקייט, האָט אַ שטערן זיך אַ ריס געטאָן פון דער פאַרהוילעניש און פאַרלוירן אַ פאַל געטאָן אין חושך. אַ דין פאַסיקל העלע ליכט האָט אויף אַן אויגנבליק זיך אַן עפן געטאָן. האָט ער דערבליקט זיין אייגן אויסגעוואַקסענע געשטאַלט, ווי זי שטייט מיט איין פוס אויפן בריקל און מיטן צווייטן אויפן ברעג. „איך", האָט ער געשטאַמלט אין אומגעהויערער אַנגסט און זיך ווייטער געראַנגלט מיט זיך אַליין, „אַז איך בין געבענטשט, איז וואָס-זשע איז ער? פאַרוואָס שפּיר איך אים בלויז אין גערדיכטער חשכות, האַר?"

„זעסט זיך אַליין, יעקב, דיין אייגן גענאַר רינגלט דיך אַרום, ווי אים זיין הילפ-לאָזע אַנגסט פון זיין גענאַרט. בלויז דער חושך פאַרווישט אַלץ און גלייכט אויס."

„אין זיינע פלינקע הענט פּחד פון בלאַנקער שווערד," גרוילט עס אין אים פון אַלע זייטן און ער שטייט אַלץ איינגעגראָבן אויף איין אָרט אַן אַ פונק פון אַ שטראַל פון אויבן.

„דער חושך ווי די ווייסקייט פאַרווישן אַלץ. דעם טאַטנס אַנגסט און זיין בענקשאַפט אין אייך ביידן; דער מאַמעס ליבשאַפט און ציטער, ווי דער בלענד פון זיידנס חלף און צאַפּלענדיק קול: „ניטע, טשעפּע נישט דאָס ייִנגל!" אייבער זענט איר און בלויז דער מאָרגנשטערן מיט די גרויסע אויגן פון שטוינענדיקן נישט וויסן צעטיילט אייך."

„ער גייט מיר אַנטקעגן מיט פיר הונדערט באַוואָפנטע לייט. מיין הויז-געזינד צו פאַרלענדן איז ער גרייט," האָט ער מיט גרויל אַ טאַפּ געטאָן די געדיכטעניש פאַר זיך, „עס טאָר נישט געשען, האַר! זיין שווערד איז געבענטשט

דאָך און אויסגעשטרעקט. צעשייד אונדז איידער דער מאָרגנשטערן גייט אויף. אַנטפּלעק אויך פֿאַר אים דעם שטראַלנדיקן לייטער, זיין רויט־האַריקייט צו פֿאַר־בלענדן. דערווייטערטע וועלן מיר ציען און קיינמאָל מער נישט ווערן איינס.״

„מיר זיינען ביידע דאָך געבענטשט מיט די ברכות פונעם האַר...״

„צעטייל אונדז,״ האָט אים יעקב נישט גלעאָזט ענדיקן, „וועט די ערד רואיק זיך שפּרייטן אונטער אונדזערע טריט און מער נישט אויפשרייען מיטן פּיין פון הבלס פאַרגאָסן בלוט, נישט לאָזנדיק קיין יורש; זי וועט מער נישט דאַרפן אויפ־ציטערן אָפּצוטרייסלען קיִנ׳ס טראָט פון זיך. צעטייל אונדז, האַר, איידער דער מאָרגנשטערן שיינט אויף.״

„האָסט אַליין אַלץ צעמישט דורכן גלוסטן פון דער מאַמעס פאַרפירעריש האַרץ און טאַטנס בלינדקייט. אַלץ וואָס איר טוט בלייבט שוין אַזוי צעמישט נישט אָפּצוטרייסלען מער. דיין קול אין זיין אַנגסטיק געוויין און זיין שווערד אין דיין פּחד. די ערד וועט מער נישט אויפשרייען פונעם פאַרגאָסענעם בלוט און אָפּ־טרייסלען פון זיך דעם שאָטן פון אויסגעשטרעקטער שווערד, ווייל דער איינער איז מער נישט הבל און דער אַנדערער איז מער ניט קיִן. איינס זענט איר אין פאַרהוילעניש, בלויז דער מאָרגנשטערן שיינט אויף אייך באַזונדער.״

אויף יענער זייט האָט אַן אייזל זיך פּלוצים אומגעהאַריש צעשריגן און פאַר־טויבט דאָס שטילע שעפּטשען פון אַרום. דאָס געדיכטעניש איז נאָך געדיכטער געוואָרן און מיט פּלוצימדיקער ציטערניש געצאַפּלט: „לאָז מיך אָפּ, יעקב, ווייל דער מאָרגנשטערן בלאַסט שוין און איך מוז זיך איילן.״

„וואוהין איילסטו דען, אַז איך ווייס נישט פון וואַנען ביסט געקומען? האָסט אַ גאַנצע נאַכט מיך געהאַלטן און געשראָקן: לאָמיך זען דיין פּנים איצט און וויסן דיין נאָמען.״

„זאָל גענוג זיין פאַר דיר, וואָס דו וועסט פון איצט אַן וויסן דיינעם — י ש ר א ל ! בלויז מיט דעם וועסטו זיך מיט קיינעם ניט טיילן. ער איז בלויז דיינער. האַר! לאָז מיך אָפּ ביז ווידער אַמאָל אויף יענעם אָרט אין וויטן וועג. מיין איצטיק שליחות איז געענדיקט און דיינס? זע, דער מזרח איז שוין רויט,״ האָט יעקבן געגרווילט פונעם קול וואָס האָט עפּעס אי געגלעט אי געחוזקט: „ י ש ר א ל , האַר ! ״

„כ׳וויל וויסן דיין נאָמען,״ האָט ער פול צאַפּלעניש געשטרעקט די הענט און קול איך דער אַרומיקער ליידיקייט, און בלויז געזען דעם מזרח פלאַמען אימהדיק רויט רויט. אַ פוס איז אים לויז געוואָרן פון דעם געפּלעכט און זיך פאַר־קלעמט אין די קלעצער, „איצט האָסטו מיך גענאַרט, ווער דו זאָלסט נישט זיין. אַז דיין נאָמען ווייס איך נישט,״ האָט ער נאָכגעהינקען דעם קול, וואָס האָט זיך דערווייטערט און אויסגעגאַנגען אין ליכטיקן פרימאָרגן.

„בלויז דאָס ליכט פון טאָג קען אונדז צעטיילן און פאַרהיטן איינער פון אַנדערן, ישראל ! ״

ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון״

# איך זינג ניט פון פרידן

איך זינג ניט, ווייל עס העלן און עס שטורעמען פריידן
אין האַרץ און נשמה ביי מיר;
איך זינג ניט, ווייל עס שמעלצן און עס לעשן זיך ליידן,
ווי ליכט ביי צעעפנטער טיר.

איך זינג, ווייל איך וויל ניט דעם שונא באַלוינען
מיט מיין פיין, וואָס איז אים אַזוי ליב...
איך זינג, און אין האַרצן עס כוואַליען געוויינען,
און מיין געמיט — אַזוי שווער, אַזוי טריב.

מיין ליד איז געפלאָכטן פון טעג און פון יאָרן
אין ווייטאָג, אין פלאַקער, אין פלאַם;
מיין ליד איז געפלאָכטן פון שנאה און צאָרן,
וואָס ליגן, ווי בליי, אויף מיין שטאַם.

מיין ליד איז געשפונען פון אָפענע קברים,
פון „בונקער", פון „לעכער", פון „וואַנט",
פון פאַרפייניקטע קינדער פון שול און חדרים,
מיט טאַטעס און מאַמעס ביינאַנד.

מיין ליד איז געוועבט פון אַש און פון רויכן,
וואָס האָבן די זונשיין פאַרשטעלט;
מיין ליד ווערט געטראָגן מיט יאָמער און הויכן,
צו גאָט'ס לאַנג-פאַרמאַכטן געצעלט...

צו קען ווער, פון באַרג אַראָפּ, פרוּוון פאַרשטעלן
דעם שווערן צעקייקלטן שטיין?
צי קען ווער באַנעמען דאָס פייגלשע טרעלן
אין שטייג, ווען זיין האַרץ — אין געוויין?

איך זינג — ווייל געזאַנגען זיי צינדן אָן שטראַלן
פון אויפקום, פון אויפלעב, פון גליק;
איך זינג — ווייל נצחון איז מיט דעם, וואָס געפאַלן,
און הויבט זיך און שטייט אויף צוריק...

מאַטעס דייטש

# מחשבות וועגן טראַכטן

## (אַ קראַנץ געדאַנקען אויפן פרישן קבר פון כאַווער־פּאַווער)

ווי אַזוי שטאַרבט מען מ׳זאָל ניט בלייבן געשטאָרבן ?...

איך ווייס ניט צי אָט־דער געדאַנק איז אַמאָל געקומען צו אייך אויך אויפן זינען ווי ער איז צו מיר געקומען. איך וועל אייך ניט קאַווירן אַז דער־אָ געדאַנק איז שוין אַמאָל יאָ געקומען, אויב ניט צו מיר און צו אייך, איז צו אַנאַנדערן. דאָס קען מען אַקוראַט ניט וויסן. צו מיר איז ער געקומען ווייל איך בין אַ טראַכ־טער; טאָג און נאַכט טראַכט איך; עס לאָזט מיך ניט אָפּ דער געדאַנק אויף אַ סעקונדע ניט; עס האַלט מיך געפּענטעט; ער געוועלטיקט איבער מיר ווי אַ בייזער באַלעבאָס, אַ שקלאַפן־טרייבער.

אויב איך שלאָף נאָך ניט, טראַכט איך. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן אַז איך טראַכט אין שלאָף אויך, אפשר נאָך מער ווי בייטאָג. געוויינטלעך ווערט אַזאַ טראַכטן בלויז אָנגערופן: אַ חלום. אָבער חלום איז אַזאַ מין טראַכטן וואָס איר האָט נישט קיין דעה איבער דעם, ס׳איז בלי ברירה; מען פרעגט אייך ניט. דער אמתער באַלעבאָס וואָס טראַכט, ווען איר שלאָפט, איז גאָר עמיצער אַנדערש, ניט איר.

פון וואַנענד ווייסט מען עס ?

פרעגט פרוידן.

און מיט אים וויל זיך קיינער ניט פאַרטשעפּען, קיין געוויינטלעכער בשר־ודם אַוודאי נישט. ער קען אייך באַווייזן, אַז דאָס וואָס איר פרעגט אים, ווערט גאָר געפרעגט פון אַן אַנדערן, ניט פון אייך פערזענלעך.

איצט פאַרשטייט איר שוין אַז ס׳איז גלייכער אַז מ׳הייבט זיך ניט אָן מיט אָט־דעם פרוידן. פאַרוואָס, פרעגט איר? פאַר אַ סך טעמים. קלייבט אייך אויס אַ וועלכן סאיז אייך מער צום האַרצן. דעם ערגסטן אָדער דעם בעסטן; נאָך אייער געמיטנאָך, פאַרשטאַנען ?

הכלל, ליג איך מיר אין בעט, זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ לאַנגער נאַכט „טראַכטן" און ווייל איך בין געווען זייער שטאַרק אויסגעמאַטערט, כאָטש דאָס טראַכטן איז אפילו אָנגעגאַנגען אָן מיר, פונדעסטוועגן האָב איך בשעת מעשה אין מיין וואַך־זיין, אַ טראַכט געטון מעשה אייגענער באַלעבאָס איבער זיך: מע דאַרף ניט ליגן גלאַט אַזוי ווי אַ פוסט־און־פּאַסטניק, מע דאַרף אויסניצן די צייט און רוען, „רעלאַקסן".

נו, האָב איך זיך געפּעדערט צו רעלעקסן. איז דאָך אָבער אַ צרה מיט מיר וואָס דווקא ביים רעלעקסן טראַכט זיך מיר ערשט זייער אַקטיוו, ממש, ווי זאָגט מען: סכנות נפשות. די וואונדערלעכסטע געדאַנקען טוען זיך אַ לאָז ווי מערעש־קעס; איר ווייסט דאָך מסתמא וויאַזוי מערעשקעס קריכן: גייך לאַנגע קאָלאָנעס מאַרשירן זיי און אָפּשטעלן זיי איז ניט פון די גאָר לייכטע מעגלעכקייטן. איך דאַרף אייך ניט געבן קיין עצות וויאַזוי אָפּצושטעלן מערעשקעס אין זייער מאַרש צו דעראָבערן עפּעס עסנדיקעס, מסתמא האָט איר נישט איינמאָל געקעמפט מיט

זיי איך אַ פאַרצווייפלטער שלאַכט און איר האָט פאַרלאָרן; טאַקע ביי אייך אין שטוב, אַזוי העלדיש געקעמפט ווי איך, און ווייסט איר וואו? יאָ. געטראָפן. אין קיך. דערצו נאָך לעם סאַמע אומשולדיקן ברויטקעסטל; יאָ. אַמאָל בלייבט דאָרטן איבער אַ שטיקל האָניקלעקעך, צי אַזוי פשוטע ברעקלעך; מערעשקעס זיינען ניט קיין איבערקלייבער ווען עס קומט צו ברעקלעך שפייז. פאַרקערט, זיי וועלן צוליב ברעקלעך גרייט זיין אַרויסצושיקן אַן אַרמיי, אָדער אַרמייען, אין די הונדערטער טויזנטער. איר שווייגט ניט, פאַרשטייט זיך. איר הרגעט זיי מיט דעם באַרימטן שפריצעכץ „טי־ענד־טי", וואָס איז אַ זיכערער טויט פאַר זיי; נאָר זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פאַרן טויט, זיי איגנאָרירן דעם טויט; זיי ווייסן ניט וואָס טויט מיינט; נישטאָ ביי זיי קיין טויט — אַרמייען מערעשקעס איז דאָ ביי זיי. דאָס ווייסן זיי אויף זיכער. דעריבער מאַרשירן זיי ווי זיי וואָלטן געגאַנגען ערשט געבוירן ווערן.

איר פאַרשטייט, מערעשקעס זיינען די אמתע כינעזער; צי פאַרקערט, כינעזער זיינען די אמתע מערעשקעס. שיקן דעם טויט אַקעגן אַ מיליאָן פאָראויס־גייער איז ביי זיי ווי לעקן אַ פערסימען... איך האָב טאַקע אַמאָל איבערגעלאָזט אַ האַלבן פערסימען, פאַרגעסן אים איבער נאַכט ביים וואַסערבעקן אין קיך. נו, נו, איר דאַרפט שוין גאָר ניט פרעגן; ס'איז פיל בעסער פאַר אייך איר זאָלט ניט וויסן דערפון אין אייער באַלעבאַטישקייט; ספּעציעל וואָס סע האָט זיך אָפּגעטון יענע נאַכט אין קיך. מיר האָבן פאַרשטייט זיך גלייך געמאַכט אַן אָפּענסיווע, אפילו נישט דערקלערנדיק קיין מלחמה; ס'איז דאָך ביי אונדז אין קיך... און אגב האָבן מיר באותו הרגע געלערנט דערפון, אַז די גרעסטע מלחמות קומען פאָר איבער דער קיך... ווייל, פאַרשטייט איר מיך, עסן איז אַזאַ געזעץ, וואָס קיינער קען נישט אָפּקומען מיט קיין שום אַמענדמענט!

איך זאָג אייך, איר מעגט מיר גלויבן, איך וועל יענעם פרימאָרגן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ביזן סוף פון מיין לעבן. והא ראיה, אַלע מאָל ווען איך פאַרלייג זיך צו רעלעקסן, איז דאָס סאַמע ערשטע וואָס סע קומט מיר אויפן זינען, סע הייסט, דער ערשטער פריילעכער געדאַנק וואָס קומט מיר צוגאַסט, איז די מעשה מיט די מערעשקעס. און אויב אייך דאַכט זיך אויס אַז איך האָב שוין אָט דעם געראָטענעם געדאַנק ניט פרובירט גוט איבערקליגלען, מאַכט איר דעם גרעסטן טעות; איך בין פון די עקשנים, וואָס וויל תמיד אומבאַדינגט מיינע געכאַפּטע געדאַנקען איבערקליגלען, בפרט אַזאַ וואָס ברענגט דיר דעם מוסר־השכל מיט די מערעשקעס וואָס האָבן געמאַכט אין קיך ביי מיר אַן אינוואַזיע!

נו האָב איך יענעם טראַגיש־באַרימטן פרימאָרגן זיך פאַרמאָסטן בייצוקומען דעם באַרימטן גאַסט מיינעם — די מעשה מיט די מערעשקעס — און האָב עס גראָד יאָ באַוויזן. טאָ הערט אויף טשיקאַוועס וויאַזוי און מיט וואָס ס'איז מיר געלונגען פאַרטרייבן דעם אומגעבעטענעם גאַסט: מיט נאָך אַנאַנדערן געדאַנק? טאַקע געטראָפן. אָבער אָט דער געדאַנק, זאָג איך אייך, איז בפירוש געווען עפּעס פון די גאָר געניאַלע געדאַנקען, ווייל ער האָט בלי־ספק פאַרטריבן דעם בייזן געדאַנק מיט די מערעשקעס. און מיט אים האַלט איך זיך.

אָט הערט:

ווי אַזוי שטאַרבט מען מ'זאָל ניט בלייבן געשטאָרבן...

א־יאָ, ס'איז אַ דערפרייענדיקער געדאַנק? איר זענט מסכּים. אַוודאי. ווארים וואָס קאָן נאָך זיין בעסער און קליגער ווי בלייבן אַ ניט געשטאָרבענער? כאָטש נאָך אַלע דריידלעך און קונצן מוז מען פאָרט שטאַרבן, פונדעסטוועגן, איז אין אַזאַ פאַל אפילו, ניט גאָר נאַריש צו האַלטן זיך ביים געניאַלן געדאַנק: וויאַזוי שטאַרבט מען מ'זאָל ניט בלייבן געשטאָרבן? ער איז דער צופרידנשטעלנדיקסטער געדאַנק; אפילו דאָקטוירים האַלטן אַז ס'איז פיל גלייכער און פראַקטישער צו בלייבן אַ ניט־געשטאָרבענער.

איך זאָג אייך, איך טראַכט דאָך שוין ניט פון נעכטן אייערנעכטן, אָבער אַזאַ מין געניאַלער געדאַנק איז קיינמאָל ניט געקומען צו מיר, זיך פשוט ניט געיאָוועט. נאָר וואָס איז דאָ פיל צו ברייען, אבי ער איז געקומען; אַ באַשערטע זאַך; און אויב ער וועט זיך ביי מיר עלטערן, איז אַ סימן אַז ביז הונדערט און צוואַנציק טאָר מען ניט אַזאַ געדאַנק פון זיך פאַרטרייבן צוליב מערעשקעס.

איך האָב טאַקע אַזוי געטון.

ווייל אויבן אויף איז ער דער בייטראַלסטער געדאַנק, מע מעג זאָגן אַ היימי־שער, אַזאַ וואָס קומט גוט־שבת־ביטן, אָן אומשולדיקער בעטלער; ווייל צו וועמען קומט ער דען ניט גלייך אין שטוב אַריין; שטעלט זיך צוקאָפּנס ווי יענע לייט, אָט ווי דער דאָקטער, למשל, וואָס טאַפּט אייער דופק, קלאַפּט אייך איבערן ברוסט־קעסטל און נאָך די אַלע גליקן הייסט ער אייך גאָר אַרויסשטעלן די צונג, אַן אויסרייד צו זאָגן: אַ! אַ!

אָט אין יענעם צעשראָקענעם מאָמענט, פילט איר אַז די שטאַמלדיקע דאָקטאָריע און אפשר די גאַנצע מעדיצינישע פּראָפעסיע, איז נישט מער ווי אַ שטיק כּישוף, פאַרוואָס כּישוף? הערסט אַ מעשה, פאַרוואָס ניט? איר ווייסט דאָךפונקט ווי מיר אַלע, אַז איר וואָלט יאָ געוואָלט אַז דער דאָקטער, צוליב זיין אומזיכערקייט, זאָל ווערן אַ כּישוף־מאַכער; ער זאָל אַ זאָג־טון: האָקוס־פּאָקוס! און איר זאָלט תּיכּף ווערן געזונט.

נו, נישט אַזוי? אַ ניט, צוליב וואָס־זשע האָט איר אים גערופן? סע קומט דאָך אויס אַז ביי אייך איז גאָר קיין ספק ניט אַז ער וועט אייך מאַכן געזונט?

אויב אַזוי האָט איר במחילה אַ גרויסן טעות; איר קענט ניט קיין דאָקטוירים. איר האָט אים געדארפן רופן נאָך איידער איר זענט קראַנק געוואָרן; ס'איז אַ סך געזינטער צו רופן אים ווען מ'איז נאָך נישט קראַנק, ווייל נאָר דעמאָלט איז ער ביכולת אייך צו העלפן.

וואָס זאָגט איר, נישט אַזוי?

איר לאַכט? גייט, זייט נישט אַזאַ כאָכמאַטש און הערט זיך בעסער צו צו מיין דערפאַרונג. איך האָב זיך געצוגן אָנגעהערט פון די ערשטע קוואַלן, פון די קראַנקע אַליין; זיי זאָלן אַזוי געזונט זיין ווי זיי זאָגן נעבעך דעם ריינעם אמת, און מיר ווילן דאָך זיי זאָלן געזונט זייען; אַ חוץ דער דאָקטער אפשר, אי דאָס אויך גלויב איך אים ניט; אַ מכּה! דאָקטוירים טאָרט איר ניט גלויבן כּהוא זה, אויפן ברעג פונעם מינדסטן נאָגל!

ווארים ווי זאָגט מען: פרעגט דעם חולה, נישט דעם דאָקטער.

זעט איר שוין, ווי דאָס פאָלק ווייסט פון געזונט־פראַגן בעסער פון די אַלע גרעסטע אַלגעמיינע דאָקטוירים און כירורגן־ספּעציאַליסטן. דער וואָס ווייסט

ניט איז נישט מער ווי אַ יחיד; דאָס פאָלק אין אַלגעמיין גענומען איז... געזונט אַרום און אַרום; סע לעבט זיך תמיד אייביק. דער יחיד ניט; ער איז פאַר־צווייפלט. אָט פון אָט דעם פאַקט אַליין, פון דעם מאַקסים, דאַרפט איר פאַרשטיין און ציען.+ כ׳מיין ניט וואָס איר מיינט: אָפּטריטן פון דער וועלט. ניין. נאָר דרינגען דערפון איז זייער נייטיק. און קיינער קען ניט דרינגען אָן טראַכטן. וואָרים טראַכטן ברענגט געדאַנקען, און דער מעסטער געדאַנק פאַר אייך איז אָט־דער וואָס באַרואיקט אייערע צעשרויפטע נערוון, אייער פּעסימיזם אינעם לעבן, די שרעק פאַר אַ דאָקטער. איך פאַרשטיי אייך זייער גוט. איר זענט זיכער אַז דער ערשטער און לעצטער סימפּטאָם איז דער דאָקטער גופא וואָס איר שיקט נאָך אים. ער ברענגט די שלעכטע געדאַנקען וואָס איר ריכט זיך ניט אויף זיי. אמת, איך גלויב אייך.

אָבער צוריק געשמועסט, בין איך דאָך ווידער גערעכט.

ווען איר רעלעקסט און ווילט ניט טראַכטן פון דעם מענטשנס מרה שחורה־דיקע געדאַנקען, וואָס נעמען זיך דערפון וואָס איר האָט מורא צו טראַכטן; כאָטש איר טראַכט דאָך פאָרט, אויס שרעק וואָס אייך קען איינפאַלן צו טראַכטן, ווען איר טראַכט יאָ אפילו ווען איר ווילט ניט טראַכטן.

איז די מעשה דערפון אַזוי: ממה נפשך, טראַכט איר פון מעלאַנכאָלישע געדאַנקען, איז דערצו ניט שייך איך זאָל אייך אַגיטירן זיי איגנאָרירן; דאָס איז קעגן דעם אמתן אינסטינקט, דעם נאַטירלעכסטן חוש פונעם לעבעדיקן מענטשן אין אייך. מחמת ווער טראַכט עס ניט פון אַזוינע אימהדיקע געדאַנקען? סיידן אַ טויטער! אמת. געטראָפן. איר זעט, איר ווערט שוין באַלד ווי איך, אַ געניאַלער טראַכטער. אויב אַזוי וועל איך צוליב אייער טובה וועגן צוריקגיין צום ערשטן געדאַנק — דעם אָריגינאַל.

דער בעסטער מיטל, דער געזונטסטער פון אַלע רפואות, סיי פון די וואָס די מעדיצין האָט זיך דערוואָרבן מיט דעם די רייכסטע „לאַבי״, און סיי פון די וואָס מע זינגט צו אייך פונעם טי־ווי אַרויס, צוזאַמען מיט די טראַנקוויל־פילן וואָס דאַרפן באַרואיקן אייער געוויסן, כדי איר זאָלט קענען שלאָפן רואיק, איז ווי איך האָב גלייך ביים אָנהייב פאַר אייך אָנגעצייכנט: „וויאַזוי שטאַרבט מען מע זאָל נישט בלייבן געשטאָרבן״, דער איינציקער מיטל ווי צו פאַרטרייבן די שלעכטע געדאַנקען וואָס מאַכן אייך קראַנק, אפילו ווען איר הייבט נאָר אָן אַביסעלע צו טראַכטן פון יענע פריילעכע מחשבהלעך וואָס איך וויל גאָר זיי ניט דערמאָנען. איר ווייסט אַליין אַוועלכע; אָט ווי די לעבעדיקע מערעשקעס וואָס קריכן אין אייער מוח אַריין; מיט איין וואָרט, איך מוז עס אייך ניט זאָגן.

איר ווייסט עס אַליין פאַרוואָס. מסכים ?

נו, אַוודאי! איך האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז מיר פאַרשטייען זיך ביידע אויפן וואונק. איר ווייסט די געשיכטע פון גאַנצן עסק — טראַכטן. נישט מער אַזוי פיל וויפיל איך ווייס, ווייסט איר נישט. דאָך, ווייסט איר גענוג אַז עס זאָל אייך דרייען פון איין זייט אויף דער צווייטער, און נישט קאָנען איינשלאָפן. און פאַרשטייט זיך אַז מע שלאָפט נישט, טראַכט מען. אַלע טוען אַזוי. נישט מער, מע שוויגט, ווייל אין אמתן ווייס מען נישט־גערעדטערהייט אַז אַלע טראַכטן דאָס זעלבע, סע זאָל פעלן אַ האָר. איז טאַקע מיין מיטל צו פאַרטרייבן די בייזע

געדאַנקען וואָס דערגייען אונדז די יאָרן, דווקא פאַרן שלאָפן גיין, נאָר טראַכטן דעם געניאַלן געדאַנק:

וויאַזוי שטאַרבט מען מע זאָל נישט בלייבן געשטאָרבן?

סע האָט מיר גענומען זייער לאַנג ביז איך האָב זיך צו אים דערטראַכט.

און לאָזט מיר אייך זאָגן, ס'איז גראָד נישט קיין שלעכטער געדאַנק אויב מ'זאָל אויספירן אים אַנצוהאַלטן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר בשלום. אויב איר קאָנט עס באַוויזן, פאַרזיכער איך אייך, אַז איר וועט מערטשעם האָבן אריכת שנים, אפילו ווען איר זאָלט שוין אויך, בגנבה, יאָ אַ טראַכט־טון פון „יענע זאַכן", וואָס אייך ווילט זיך נישט טראַכטן בעת איר טראַכט מיטן געניאַלן געדאַנק און קיין שום אַנדערער געדאַנק מיט די נאָנסענס לאָזט ער נישט צו צו אייך, ווייל איר זענט פאַרנומען מיטן אומענדלעכן און לעבנס־נייטיקן טראַכטן:

וויאַזוי שטאַרבט מען מ'זאָל נישט בלייבן געשטאָרבן?

געדענקט, אומבאַדינגט געדענקט, אַז דאָס איז דער נאָרמאַלסטער געדאַנק צו טראַכטן געזונטערהייט. טראַכטן איז געזונט; די גרעסטע דענקער הייסן טראַכטן.

---

**פעסיע הערשפעלד־פּאָמעראַנץ**

## סילועטן

אין האַרבסטיקע טעג פון פאַרענדער
ווי אין דעמער פאַרטונקלען די ביימער.
פאַרבליבענע, גוססע בלעטלעך
זיך שאָקלען אין שרעק, אין געהיימער.

וויגן זיך טונקעלע שאָטנס
פון שטאַמען, פון צווייגן און ריטער,
און בלייבן צעוויטיקטע היטן
די לאַנקעס מיט האַרבסטיקן ציטער.

## ביים ים

די זון האָט פאַרוואָרפן
אַ גאָלדענע נעץ אויף דעם ים,
ברעכט זיך די ים־פּלאַך
מיט זוניקן פייער פאַרפלייץ.
בין איך אומרואיק היינט
ווי די כוואַליע ביים ברעג,
און עס ציטערט מיין האַרץ
ווי אַ פיש אין אַ נעץ.

ווי אַ פישער וואָס לאָזט זיך
אַרוים ביי דער נאַכט
אויף פישפאַנג מיט נעצן
פאַרוואָרפן אין ים,
אַזוי פאַנגט אויך די צייט
אויף דער וועגטקע פון טויט
אין אַ ראָזן פאַרטאָג
צי אין אַ זילבערנער נאַכט.

בין איך אומרואיק היינט
ווי דער ווינט מיט פאַרדאַכט,
נאָר עס חוזקט דער ים,
נאָר ער שטיפט און ער לאַכט.

**אברהם גאָלאָמב**

# וועלטלעכע יידישקייט און רעליגיע

מיר קענען אָנציילן אַ סך גרויסע יידן, וואָס זיינען געווען דערווייטערט פון יידישקייט, אָבער די שינאה צו יידן מצד דעם לאַנד־פאָלק האָט זיך דערנענטערט צוריק צו זייער פאָלק. צו די דאָזיקע קען מען צורעכענען כמעט אַלע חובבי ציון אין רוסלאַנד נאָך די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן. פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן האָט זייער יידישקייט אָנגערופן „עקספּלאָזיע־יידישקייט.“ זי קומט נאָך אַ פּסיכישער עקספּלאָזיע, זי ווערט אַרויסגערופן דורך אויסברוך פון אַנטי־סעמיטיזם, פּאָגראָמען וכדומה. („יידן און פעלקער פּסיכאָלאָגיע“).

דער טעמפּעראַמענט פון אַט־דער עקספּלאָזיע קען זיין גאָר אַ הייסער; זי קען זיין אַ געטריי (ד״ר הערצל), אָבער זי האָט ניט קיין וואָרצלען. די יידן פעלט די יידישקייט וואָס לעבט אין די אומבאַוואוסטזיניקע געוואוינהייטן, וואָס זאַפּן זיך איין אָרגאַניש, פון שטייגער, אָן דער הילף פון באַוואוסטזיין, אָן אידעאָלאָגיעס. דאָס איז דער יסוד פון אָרגאַנישער יידישקייט, דער באָדן וואָס פון אים וואַקסן אַרויס אַלע באַוואוסטזיניקע און טעאָרעטישע געדאַנקען. ביי די דאָזיקע געטרייע און הייסע יידן איז פאַראַן אידעאָלאָגיע, דער געוויסן, אָבער עס פעלט דאָס פון וואָס זיי וואַקסן אַרויס. ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק קומען זיי צו יידישקייט מיט די מאָסן וואָס אין זיי זיינען זיי איינגעלעבט פון קינדהייט אָן. פון דאַנען קומען אָפט אַרויס קאָנפליקטן צווישן דעם יידישן באַוואוסטזיין און פרעמדן אונטערבאַוואוסטזיין. אָפט זיינען די טעאָריעס פון די פערזאָנען ניט מער ווי פרעמדע, וואָס זיינען צוגעפּאַסט געוואָרן צו יידן עלעהיי איבערגעניצעוועטע בגדים.

די פערזאָנען פון דעם מין קענען אָפט האָבן אַ גרויסע השפּעה אפילו אויף אָרגאַנישע יידן. טאַקע צוליב זייער פרעמדקייט, זיינען זיי זייער חשוב ביי יידן; זיי זיינען צוריקגעקומענע פון ווייט, פון הויך. זייערע געדאַנקען און טעאָריעס ווערן גיכער פּאָפּולער. אָבער דאָך בלייבן זיי פרעמדע. פאַר די יידישע דענקער פון דעם מין איז כאַראַקטעריסטיש וואָס זיי שטעלן דעם תנ״ך העכער פון תלמוד, בעת די יידישע טראַדיציע איז אַ פאַרקערטע. דער תנכיזם איז געקומען פון דער פרעמד, פון די קריסטלעכע פעלקער דורך די עקספּלאָזיע־יידן און ער האָט זיך אָנגענומען אויך ביי אָרגאַנישע יידן, טאַקע מחמת דער חשיבות פון פרעמדע.

ביי זיי קומט אויך אָפט אַרויס דער געדאַנק, אַז די תורה האָט אַנטוויקלט ביי די יידן דעם יידישן באַוואוסטזיין, די יידישע אידענטיפיקאַציע. אין דער אמתן איז אָבער די השפּעה פון תלמוד ניט אין פאַרגלייך גרעסער ווי די השפּעה פון דער תורה שבכתב. דער תלמוד איז דורך יאָרהונדערטער געווען אַריינגעדרונגען אין יידישן לעבן, אין אַלע ווינקעלעך, אַ גאַנץ לעבן. דער גאַנצער שטייגער איז געווען איינגעשטעלט לויטן תלמוד, איז אויך דאָס דענקען און דאָס ריידן געווען אין איינקלאַנג מיטן תלמוד. זיינען די ווערטער געווען יידישע און די לאָגיק איז געווען אַ תלמודישע... צום תנ״ך פלעגט מען קומען דורך דעם תלמוד טאַקע.

די נאַטירלעכע אַנטוויקלונגען פון יידישן פאָלק און פון זיין קולטור, דאַרף מען אָננעמען, איז געגאַנגען ווי עס גייט די אַנטוויקלונג פון אַ קינד. צוערשט איז

געוועז די אומבאַוואוסטזיניקע אַנדערשקייט, די פּאַרזיכיקייט אין שטייגער, אין אויפפיר. שפּעטער קומט דאָס באַוואוסטזיין פון דער אייגענער אַנדערשקייט. דאָס באַוואוסטזיין ווערט פאַרפיקסירט אין די פאָלקס־שריפטן. אַ טייל פון זיי ווערט מיט דער צייט באַליבט און פאַרהייליקט. דאָס איז דעם פאָלקס תורה... ווען גאָר גרויסע יחידים פון פאָלק הייבן זיך אַרויס איבער דער ניוואָ פון פאָלק און אין זייערע שריפטן און שאַפונגען קומען צום אויסדרוק ריין אינדיווידועלע אידייען, געדאַנקען, וואָס וואָרצלען ניט אין פאָלקס אַלגעמיינעם באַוואוסטזיין, דעמאָלט קומט אַ סכנה פון אָפּגעריסנקייט — דאָס פאָלק באַזונדער און זיינע דענקער—ווידער באַזונדער.

די דענקער און די פירער זיינען על פּי רוב געקומען פון וויים, פון ווילד־פרעמדע קולטורן. זייערע געדאַנקען און זייערע שריפטן, זייערע דרכים פון אַרבעט זיינען איבערגעזעצטע, ניט קיין אָרגאַניש־יידישע. דער סימן איז וואָס אַן אָרגאַנישע אינטעליגענץ פאַרמירט אירע שאַפונגען פון יידישן רווישטאָף, פון יידישע מקורים געשעפּט. געקומענע אינטעליגענץ וויל ברענגען קולטור פון דער פרעמד, פון פרעמדע קוואַלן. עס שאַפט זיך אַ דיסטאַנץ צווישן דעם פאָלק און זיין שטייגער, זיין היסטאָרישן גאַנג פון איין זייט און דער אינטעליגענץ פון דער צווייטער זייט. מחמת אַזאַ מין דערווייטערונג און דער גרויסער דיסטאַנץ האָבן די תלמוד־אויטאָריטעטן באַגרעניצט די תנ״ך־שאַפונג, באַזייטיקט און ניט קאַנאָניזירט אַ גאַנצע ריי זייער וואָגיקע ווערק און זיי ניט אַריינגענומען אין תנכישן קאַנאָן; זיי זיינען געווען צו אינדיווידואַליסטיש אָדער בכלל האָבן זיי זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין דער יידישער פּסיכיק; צו־וויים אַוועק פון פאָלקישן גייסט.

איינער פון די סימנים פון אָט־דער אָפּגעפרעמדטער, געקומענער פון וויים אינטעליגענץ איז, וואָס זי האָלט מער פון דעם תנ״ך ווי פון תלמוד. דאָס איז געבראַכט פון דער קריסטלעכער וועלט. פאַר זיי האָט דאָס יידישע פאָלק געלעבט נאָר כדי צו ברענגען דער וועלט גאָטס זון. דעם תנ״ך קענען זיי יאָ אָננעמען, ווייל ער איז מער ניט אויסגעשפּראָכן יידיש; ער איז געוואָרן אוניווערסאַל. מען האָט נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געקאָנט זיין אַ גרויסער תנכיסט און דאָך ניט זיין קיין ייד. מיטן תנ״ך קען מען זיין אפילו אַן אַנטיסעמיט אויך. גאָר ניט אַזוי איז עס מיט דער גמרא, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דעם יידיש לעבן און דאָס יידישע לעבן איז דורכגעדרונגען מיט דער גמרא. ווען מען לייענט אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישן פאָלק אין דער תנ״ך־תקופה קען אָפט אויסקומען אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז געזעסן יום ולילה און נאָר געלערנט דעם תנ״ך, און נאָר געטראַכט וועגן מאָנאָטעאיזם, ווי אַזוי מען לערנט אויס די געצנדינערישע וועלט מען זאָל אָוועקוואַרפן די נאַרישע געצן. דער תנ״ך איז כלומרשט איין מאָנאָליט, און ער האָט עס געשאַפן דאָס יידישע פאָלק.

איז דאָס אפשר פּאַסיק פאַר די קריסטלעכע טעאָלאָגן, אָבער פאַר אונדזערע פאַרשער־יידן פּאַסט עס לגמרי ניט. מיר דאַרפן לגמרי ניט מאַכן פון זיך עפּעס אַן אויסנאַם, מיט אַ ספּעציפישער טעאָלאָגישער נייגונג צו קעמפן אַ גאַנצע געשיכטע פאַר גאָט. אין דער אמתן זיינען מיר געווען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, נאָר מיט אַן אַנדער גורל. מיר האָבן געלעבט ווי אַלע אַנדערע פעלקער, מיר האָבן געטראַכט און געזוכט דאָס גליק, דאָס פּשוטע גליק פון לעבן אויף דער וועלט,

ווי אַלע אַנדערע. מיר זיינען אַלע מאָל געווען שוואַך, און אָט־די פּסיכיק פון שוואַכע איז אַלע מאָל געווען אונדזער חלק.

דער תנ"ך ווידער איז לגמרי ניט קיין איין ספר, קיין אייך גוס געשאַפן מיט איין געדאַנק, מיט איין ציל און מיט איין און דער זעלביקער אידעאָלאָגיע. דער תנ"ך איז אַ שטרענג אָפּגעקליבענע ליטעראַטור־זאַמלונג, וואָס האָט זיך געשאַפן אין פאָלק דורך לאַנגע יאָרהונדערטער. פון די אוראַלטע פּרעהיסטאָרישע צייטן, ווען דאָס פאָלק האָט נאָך קיין שריפט ניט געהאַט, ניט קיין שריפט און ניט קיין שריפטן. דאָס איז געווען אַ פּרעהיסטאָרישע מויל־ליטעראַטור, וואָס איז געגאַנגען דורך דורות און דורות נאָך איידער עס איז אַ סך שפּעטער פאַרשריבן געוואָרן. לעגענדעס, העלדן־עפּאָס, טאַנץ־לידער, מלחמה־לידער, גוזאַנגען סתם, ליבע לידער, מנהגים און זיטן, פּירונגען וואָס דאָס פאָלק אַליין האָט ניט געדענקט זייער אויפקום. אַ טייל פון דעם פאָלקלאָר איז שפּעטער פאַרשריבן געוואָרן און אַריין אין תנ"ך. צומאָל אפילו שטאַרק איבערגעאַרבעט.

ווען דאָס פאָלק האָט שוין געהאַט זיך אויסגעלערנט שרייבן און איבערהויפּט ווען עס האָט אין גלות בבל געגומען שטאַרק בענקען אַהיים, דעמאָלט זיינען אָט־די זכרונות פאַרשריבן געוואָרן, און די בענקענדיקע פלעגן זיך פון צייט צו צייט צונויפקומען פאַרברענגען מיט די זכרונות פון אייגענעם אַמאָל און מיט די האָפענונגען אויף דעם פאַרזיכיקן עתיד. דאָס איז שפּעטער פאַרהייליקט געוואָרן ווי דער בית הכנסת מיט זיין ריטואַל. דאָס בענקען צו זיך אַהיים, דאָס איז געוואָרן די יידישע רעליגיע. ניט די רעליגיע האָט געשאַפן און איינגעהיט די יידישע נאַציע, נאָר פאַרקערט, האָט זיך דער נאַציאָנאַלער געפיל פאַרוואַנדלט אין דער רעליגיע מיט אַ נאַציאָנאַלער פּראַקטיק, וואָס איז געוואָרן רעליגיעז פאַרהייליקט ווי געבאָטן פון גאָט.

אין דער פרעמדער וועלט פון גלות, מיט זיין רייכער אָבער פרעמדער קול־טור, האָט מען זיך באַמיט צו פאַרהייליקן וואָס מער אַנדערשקייט, כדי זיך אָפּצוזונדערן פון דעם הערשענדיקן הויפּט־פאָלק, האָט מען אָפּגעהיט די אַלטע טראַדיציאָנעלע מאכלים און פּירונגען פון דער אַלטער היים. דאָס זיינען איצט געוואָרן פיקסירט ווי „תורות", אָנווייזונגען, ווי מען דאַרף זיך פירן ווי יידן — אַנדערש פון די אַנדערע — ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. דאָס וואָרט תורה האָט דעמאָלט באַטייט יעדער קאָנקרעטע אָנווייזונג פאַר יעדער באַזונדער געלעגנ־הייט. ערשט שפּעטער האָט דאָס וואָרט גענומען באַצייכענען די גאַנצע זאַמלונג פון אַלע אָנווייזונגען פאַר דעם אָפּגעזונדערטן יידישן שטייגער.

אָט דאָס — די זאַמלונג פון געזעצן — תורות, מצוות, צוזאַמען מיט דער פאַרהייליקטער ליטעראַטור פון פאָלק — דער פאָלקישער און דער פאָלקיסטישער — דאָס איז געבראַכט געוואָרן צוריק דורך עזרא קיין ארץ ישראל. דאָס איז איצט געוואָרן דער יסוד פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן און דער יסוד פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון יידישקייט.

דאָ איז געלעגן דער אונטערשייד צווישן מלכות ישראל און יהודה. מיט הונדערט יאָר פריער איז מלכות ישראל אַוועק אין גלות. איז נאָך דעמאָלט ביי זיי דאָס לאַנד, די מאַטעריע פון פאָטערלאַנד געווען דער יסוד. נישטאָ דאָס לאַנד איז נישטאָ מער דאָס פאָלק. האָט זיך דאָס פאָלק פון שומרון אַסימילירט ביזן

גרונט. איז אָבער דאָס פאָלק פון יהודה אַוועק אין גלות און דאָרטן זיך עמאַנציפּירט פון דעם לאַנד־געפיל, עס האָט זיך אַנטוויקלט דאָס פאָלקס־געפיל, ניט פאַרבונדן מיט דעם לאַנד.

די תורה איז אַ פּראָדוקט פון אָפּגעזונדערטן יידישן לעבן און ווי אַזאַ האָט זי געהאָלפן דעם ווייטערדיקן אָפּגעזונדערטן יידישן לעבן.

דערפאַר איז לגמרי ניט ריכטיק דער צוגאַנג פון אַלע, אָדער כמעט אַלע רעליגיעזע דענקער, ווי פון די אָרטאָדאָקסן און אַזוי אויך פון די אַסימילאַטאָרישע ריכטונגען, אַז די יידן זיינען פון לכתחילה אָן געווען אַ גאָט־טראָגנדיק פאָלק, וואָס האָט גענומען אויף זיך אַ שווערע מיסיע צו טראָגן און צו ברענגען דער וועלט דעם מאָנאָטעאיזם. מענטשן וואָס גלייבן ווייניק אין דער אייגענער ווערטיקייט טראַכטן זיך אויס פאַרשיידענע מיסיעס דערהויבענע: זיי ברענגען נוצן דער וועלט, די מענטשן. אַזוי, קענטיק, אויך מיט פעלקער. האָבן פאָליאַקן זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט אַ משיחיזם. אַנדערע מענטשן און אַנדערע פעלקער, פאַרקערט, טראַכטן זיך אויס פאַרקערטע טעאָריעס, אַז זיי זיינען דאָס זאַלץ פון דער וועלט און דערפאַר מעגן זיי באַרויבן, אומברענגען אַנדערע, וואָס זיינען קנאַפּווערטיקער פון זיי.

ווייס איך ניט צי עס האָט זיך געלוינט דעם יידישן פאָלק דאָס שטיקל מלמדות זיינע. איך ווייב ניט דעם יחוס פון איין גאָט, מיט וואָס איז עס אַ העכערע מדרגה פון אַ סך געטער. גלייב איך ניט אַז אָט דער איין גאָט מיט זיין גרויסער פמליא האָט עפּעס גליקלעכער געמאַכט די שלימזלדיקע וועלט. ווייס איך לגמרי ניט וואָס איז די העכערקייט פון איין פערזענלעכן גאָט מיט אַ פיינער משפחה דערצו, מיט וואָס איז ער ווייניקער אָפּגאָט, מאַטעריע ?

און דאָס „רבי־געלט" וואָס די געטרייע תלמידים האָבן אונדז געצאָלט פאַר אונדזער מאָנאָטעאיזם באַווייזט קלאָר ווי ווייט זיי האָבן זיך טאַקע איבערגענומען מיט אונדזער מאָניזם און מיט די אַטריבוטן פון דעם איינציקן גאָט. עס קען בפירוש אַ וועלט זיין געצנדינעריש אויך מיט דעם מאָנאָטעאיזם... איז די גאַנצע טעאָריע וועגן אונדזער גרויסן אויפטו מיט דעם מאָנאָטעאיזם אָן אויסטראַכטונג פון יידן, מחמת זייער קנאַפּווערטיקייט־געפיל: מיר האָבן אויך רעכט צו לעבן אויף דער וועלט, ווייל מיר ברענגען דאָך נוצן פאַר אַנדערע, וואָס יענע זיינען מן־הסתם וויכטיקער פאַר אונדז; יענע האָבן אַן אייגענעם ווערט, אַן אייגן רעכט צו לעבן; מיר דאַרפן דאָס פאַרדינען מיט די נוצן וואָס מיר ברענגען פאַר אַנדערע.. דערפאַר איז אויך ניט ריכטיק אַרויסצושטעלן די יידישע תורה, ווי זי וואָלט כלומרשט געשאַפן דאָס יידישע פאָלק לשם ולשמה פאַר זיין מיסיע.

זאָג איך, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַזוי ווי אַלע אַנדערע פעלקער, און פעלקער זיינען אַזוי ווי מענטשן: איטלעכער לעבט פאַר זיך, זוכט זיינע גליקן, איטלעך פאָלק ווידער אַזוי. האָבן מיר פון אָנהייב אָן געוואָלט זיין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, האָבן גליק און צופרידנקייט אויף דער וועלט, ווי דאָס ווילן אַלע פעלקער און אַלע מענטשן. זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער קאָלעקטיווער באַוואוסטזיין פון דעם פאָלק איז אַלעמאָל פריער פאַרן פריוואַטן באַוואוסטזיין פון אַ יחיד. דער פרימיטיווער מענטש האָט גלייך ווי אַלע קאָלעקטיוויסטישע חיות געשטעלט זיך—דעם יחיד—אין דינסט פון קאָלעקטיוו, פון סטאַדע, פון בינשטאָק. ניט די

תורה האָט אויסגעפורעמט דאָס יידישע פאָלק מיט זיינע אייגנשאַפטן, נאָר זי איז אַ פּראָדוקט פון דעם יידישן פאַרזיכיקן לעבן און פון דעם גייסט פון יידישן פאָלק ווי אַזאַ. דאָס לעבן פון פאָלק און זיין גליק — דאָס איז געווען דער ציל פון דער יידישקייט און דאָס שטרייכט כסדר אונטער די תורה: אַז איר וועט זיך פירן גוט און ריכטיק אין אייערע אייגענע וועגן, וועט אייך זיין גוט ווי אַ פאָלק.

די נביאים — די באמת וואונדערבאַרע מונדלעכע און שריפטלעכע קעמפער פאַר אַ העכערער און בעסערער וועלט, די נביאים האָבן געקעמפט ניט פאַר גאָט און ניט קעגן די געצן. עס איז געווען ביי זיי אַ קאַמף פאַר דער אייגענער פאָלקי־שער קולטור קעגן די פרעמדע קולטורן. יידן האָט עס תמיד געצויגן צו פרעמדע קולטורן, פרעמדע שטייגערס און פרעמדע פירונגען. אין שכנות מיט יידן זיינען געווען שטאַרקע פעלקער, און אַזוינע האָבן געטער „גוטע", וואָס דערלויבן זייערע פעלקער אַלדאָס בייז, באַפרידיקן אַלע בייזע אינסטינקטן, ווייל טאַקע אַזוי זיינען זייערע געטער אַליין אויך. רציחה — אדרבא, עס איז גאָר אַ מצוה צו ברענגען וואָס מער קרבנות פון געפאַנגענע, פון שונאים. זנות — פאַר גאָט איז עס אַ מצוה, און אַזוי כסדר. די געטער — ווי זייערע פעלקער, בצלמם ובדמותם. ביי יידן האָבן זיך אויסגעאַרבעט גאָר פאַרקערטע נייגונגען. אָבער יידן־יחידים האָט אַלע מאָל געצויגן צו די „גוטע", געשמאַקע קולטורן פון די פרעמדע פעלקער מיט זייערע „גוטע" געטער. און ביי יידן איז, ווי אַ ליד פלעגט עס זינגען אַלץ: „מען טאָר ניט און מען טאָר ניט און מען טאָר דאָך פאָרט ניט!"

אָט דאָ האָט זיך געצויגן דער כסדרדיקער קאַמף פון די נביאים פאַר דער אייגענער קולטור, קעגן די פרעמדע קולטורן. ניט פאַר גאָט האָבן געקעמפט די נביאים, נאָר פאַר יידישקייט, קעגן דער אַסימילאַציע האָבן זיי געקעמפט. וועגן דעם געטער־קאַמף איז פאַראַן אין תנ"ך אַ שיין וואָרט, משמעות נאָך פון פאַר דער נביאים־תקופה: „אויב ער איז אַ גאָט, זאָל ער קעמפן פאַר זיך." קולט און קולטור זיינען געווען סינאָנימען, און דאָס פאָלק איז געווען אידענטיש מיט זיין גאָט.

די טיפע טרעגער פון דעם יידישן גייסט און פון דער טיפער יידישער נשמה האָט געעקלט ניט אַזוי פון די געצן וואָס זיינען „זילבער און גאָלד, שאַפונגען פון מענטשלעכע הענט," נאָר עס האָט זיי געעקלט פון די בלוטיקע קולטורן־קולטן פול מיט רציחה, מיט זנות און מיט שיכרות; פון דער טומאה האָט זיי געעקלט. קיינע טעאָלאָגישע דיסקוסיעס, קיינע גאָט־אַטריבוטן האָבן די נביאים ניט אַרויס־געררוקט. די געצן אַליין — סתם נאַריש, הבל וריק, ניטאָ מיט זיי וואָס צו קעמפן. דער יידישער קאַמף איז געגאַנגען קעגן דער אַסימילאַציע, קעגן דער דעמאָראַלי־זאַציע. עס איז געווען ניט קיין רעליגיעזער קאַמף נאָר אַ נאַציאָנאַלער; ניט פאַר רעליגיע, פאַר גאָט, נאָר פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור. די יידישע רעליגיע איז די גאַנצע צייט פון די נביאים געווען בלויז אַ פונקציע פון דעם נאַציאָנאַלן קאַמף קעגן אַסימילאַציע אין די שטאַרקע קולטורן פון די אַרומיקע שטאַרקע פעלקער.

שפעטער, שוין נאָך שיבת ציון, איז אָט־די נאַציאָנאַלע קולטור, די ליטע־ראַטור און שטייגער פראָקלאַמירט געוואָרן ווי די יידישע רעליגיע. ניט די תורה האָט אונדז געמאַכט פאַר אַ פאָלק, נאָר דאָס פאָלק האָט מיט זיין פאַרזיכיקן גייסט, און מיט דעם ווידערווילן צו אַלע פרעמדע גייסטער געשאַפן די תורה. זיכער האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַט אַ סך אַ רייכערע קולטור פון פאָלקלאָר

און פון אינדיווידועלע שאַפונגען. זיכער האָט דאָס פאָלק גוהאַט אַ סך אַ רייכערן סכום פון מינהגים און פירונגען ווי דאָס וואָס עס איז צו אונדז דערגאַנגען אין פאָרם פון דער תורה. אָבער פון דעם גאַנצן שלל מאַטעריאַל איז אויסגעקליבן געוואָרן נאָר אַ קלענער טייל פאַרשריבן צו ווערן פון אַ תורה שבכתב, און פון דעם איז נאָך שפּעטער ווידער אַ סך אַרויסגעפאַלן.

און דאָס זיינען געווען די פּרינציפּן פון אָפּקלייב:

1.—עס מוז זיין פאָלקיש, אָדער פאָלקסטימלעך, אָנגענומען פון פאָלק, אין גייסט פון פאָלקס דענקען און באַנעמען.

2.—עס טאָר ניט זיין צו אינדיווידואַליסטיש, צו ווייט פון פאָלקישן גייסט און פון זיין באַגריפן־וועלט.

3.—עס טאָר ניט זיין אָנגעטראָגן פון דער פרעמד, פון פרעמדע קולטורן, הגם זיי זיינען אָנגענומען אין דער אַרומיקער וועלט און אויך ביי אַ סך יידן, איבער־הויפּט ביי די אַריסטאָקראַטן, וואָס זיינען געווען צוגעפּגעטראָגן מיט די פרעמדע מאַכטהאָבער.

די וואָס האָבן דאָס פאָלקישע פאַרוואַנדלט אין אַ הייליקע תורה פון דעם יידישן גאָט, פון זיין געטלעכן גייסט וואָס לעבט אין פאָלק, די האָבן זיך שטאַרק אַנטוישט אין דער וועלטלעכער מאַכט, אין דער מלוכה, וואָס האָט דעם פאָלק געקאָסט אַזוי פיל בלוט און געזייט שינאת חינם. זיי האָבן געבויט אַ לעבן פון אַ פאָלק אָן אַ פּאָליטישער מאַכט, אָן אַ מלוכה; צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט און דאָך פאַראייניקט דורך שטייגער און וואָרט־קולטור. ווי זיי האָבן דאָס געמאַכט — דאָס איז די גאַנצע תלמודישע קולטור. וואָס מיר דאַרפן דאָ זאָגן איז:

די גאַנצע יידישע קולטור איז פון אייביק אָן אין אירע מקורות געווען אַ נאַציאָנאַל־וועלטלעכע, וואָס איז כסדר פאַרהייליקט געוואָרן ביסלעכווייז ווי רעליגיע און תורה. דער אַנדערשדיקער, פאָלקישער גייסט, וואָס האָט כסדר אינספּירירט אונדזערע פאָלקישער אַנדערשקייט — דאָס איז דער „גאָט" פון יידישן פאָלק, דער „אלוהי ישראל." אָן פילאָסאָפישע פאָרמולעס און טעאָלאָגישע דיסקוסיעס האָבן די חכמי התלמוד אַזוי געבויט און געפורעמט די יידישקייט לדור דורות, און שפּעטער האָט דאָס דער זוהר פאָרמולירט אין דעם זאַץ: „ישראל אורייתא וקודשא בריך הוא חדא"— יידיש פאָלק, תורה (יידישקייט) און גאָט איז איינס...

דאַרפן מיר פון דעם געזאָגטן מאַכן אויספירן פאַר אונדזער ווייטערדיקן אויספיר אין יידישקייט. וועלן מיר דאָס פּרובירן טאָן:

1.—מען דאַרף ניט פאַרטיילן יידישקייט אויף צוויי געביטן — רעליגיעזע און וועלטלעכע. זיי שיידן זיך נאָר אונטער צווישן אַנאַנד לויט זייער עלטער. עס זיינען סטאַדיעס פון קולטור־לעבן. יעדער שטייגער־עלעמענט אָדער וואָרט־אויפטו מאַכט דורך עטלעכע. לכתחילה איז עס אַרטיק, פון דעם אָדער צווייטן אָרט; שפּעטער ווערט עס אָנגענומען פון אַנדערע ערטער, ווערט עס אַ פאָלק־זאַך, אויב די זאַך, דער קולטור־עלעמענט, לעבט דורך זיין דור און בלייבט ווייטער אין לעבן, ווערט עס נאַציאָנאַל אין די העכסטע מדרגה איז ווען אַן איינפיר אָדער אַ שאַפונג ווערט פאַרהייליקט ווי רעליגיע. יעדער רעליגיעזער עלעמענט איז

לכתחילה געווען וועלטלעך און יעדער וועלטלעכער עלעמענט פון יידישקייט וועט ווערן פאַרהייליקט רעליגיעז אויב נאָר עס ווע טזיין אַ יידיש פאָלק, און אויב די היינטיקע וועלטלעכע קולטור־עלעמענטן וועלן בלייבן אין פאָלק־לעבן.

2.—די יידישע תורה אָדער תורות זיינען ניט קיין פיקסירט־פאַרענדיקטע זיי זיינען פּראָדוקטן פון יידישן שעפערישן לעבן, ניט די תורה (אָדער תורות) האָט געשאַפן יידישקייט, נאָר פאַרקערט, האָט דאָס שעפערישע יידישע לעבן פּראָדוצירט תורה־פאַרהייליקטע ליטעראַרישע שאַפונגען, פאַרהייליקטע שטייגערישע פירונגען. די תורה־שאַפנדיקע פּראָצעסן דאַרפן און טאָרן זיך ניט אָפּשטעלן. ווען די פּראָצעסן שטעלן זיך אָפּ, שטאַרבט אָפּ דאָס פאָלק.

3.—יידישקייט איז ניט קיין פיקסירטע איבער דורות און תקופות, אָבער אַלע מאָל איז זי און דאַרף זיין פאַרזיכיק אַנדערש פון דעם לעבן און פון קולטור פון דעם פאָלק וואָס איז אַרום.

4.—עס גייט ניט וועגן פון דאָס ניי אינטערפּרעטירן די יידישע תורה. עס איז קיין מאָל אויך פריער ניט געווען אַזוי: די תורה שבעל־פּה איז ניט קיין אינטערפּרעטאַציע פון דער תורה שבכתב, נייערט עס איז אַ פאַרהייליקונג פון דעם פאָלקס נייע דערפאַרונגען און איינפירן. אַזוי דאַרף מען איצט אויך אַריינפירן אין אונדזער לעבן די קולטור וואָס עס האָט געשאַפן דאָס שטעטל אין דער נאָך־וואָס פאַרענדיקטער תקופה. דאָס וואָכעדיקע פון נעכטן דאַרף איצט ווערן הייליק. די וואָכעדיקע קולטור פון שטעטל איז הייליק פאַר דער שטאָט.

5.—אין דער פרייער וועלט קען יידישקייט עקזיסטירן נאָר ווי אַ רעליגיע. דאָס מיינט: זיטן, פירונגען, שטייגער און קולטור, וואָס ווערן אָפּגעהיט ניט פאַר פּראַקטישע צילן, נאָר ווייל זיי זיינען ליב און טייער, ווייל מען וויל זייך אַזוי, ווייל מען וויל עס היטן. מען פירט עס אין אייגענעם לעבן אין די היימען און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין אויסלעבן זיך.

6.—יידישקייט ווערט אָפּגעהיט ניט פאַר גאָט, ניט פאַר דעם גן־עדן, נאָר פאַר דעם פאָלק, כדי דערמיט צו געהערן צום אייגענעם יידישן פאָלק.

---

ליבער פריינט און חבר י. פרידלאַנד:

איך פריי זיך צוזאַמען מיט אייך לכבוד די פייערונג פון אייערע 25 יאָר אַלס פאָרזיצער פון ל. א. יידישן קולטור קלוב און צו אייערע 50 יאָר קולטורעלע און שריפטשטעלערישע טעטיקייט; און פאַר אייער רעדאַקטירן דעם זשורנאַל „חשבון" פאַר אַ סך יאָרן מיט חשיבות און כבוד.

איך ווינטש אייך נאָך אַ סך יאָרן געזונט מיט אייער ליבער פרוי.

מיט טיפער אַכטונג, **יעקב קאַץ** (שיקאַגע)

---

טייערער יובילאַר, פריינד יצחק פרידלאַנד:

צו אייער דרייפאַכיקן יובל — 50 יאָר שאַפן און העלפן שאַפן, 25 יאָר פירערשאַפט אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב, און איבער 10 יאָר רעדאַגירן אונדזער אַלעמענס „חשבון", פאַרדינט איר די דרייפאַכיקע ברכה:

געזונט, וויטערע שעפערישקייט און נחת פון אייערע אויפטואונגען און קולטורעלע מעשים (פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד וכדומה).

אייער, **ישראל גובקין**

י. פרידלאַנד

# צוועלף און איינע

(דערציילונג — פראַגמענט)

די צוועלף יונגע מענער אין דעם קליינעם ישוב זיינען אַלע געווען געזונט און ענערגיש, מיט אַ געזונטן פאַרלאַנג און אַפּעטיט צום ערדישן לעבן, אָבער... אָן איין פרוי אפילו. זייענדיק דאָ אָפּגעריסן, ווייט פון דער גרויס־שטאָט און ציוויליזאַציע, מיט אַלע אירע אַטראַקציעס און פאַרגעניגנס, און אָן די עלע־מענטאַרע נויטיקע באַדינגונגען; לעבנדיק אין אָט־דעם גרויסן, כמעט ווילדן טאָל, אַרומגערינגלט מיט ריזיקע בערג, האָבן אָט־די מאָנסטער־בערג טיילמאָל אויף אייניקע פון די גרויס־שטאָטישע אַן אומעט און בענקשאַפט אַרויסגערופן. אין אָט־דעם איינזאַמען טאָל, וואָס איז ביז זייער קומען אַהערצו פון קיין מענטשלעכע פוס כמעט ניט באַטראָטן געוואָרן, זיינען אָט־די מענער געווען דאָ אין דער בחינה פון אַ מאַנשאַפט אויף אַ בלאָנדזשעדיקער שיף, אויף אַן אומבאַקאַנטן ים, וועלכע האָבן חדשים לאַנג קיין פרוי אין די אויגן ניט אָנגעזען; אַזאַ מאַנשאַפט, ווי נאָר זיי לאַנדן צו אַ פּאָרט און ווען זיי באַגעגענען די ערשטע אַנטקעגן־קומענדיקע פרוי, באַטראַכטן זיי זי מיט אַ באַזונדער שטאַרקן נייגיר, מיט אַ הונגער און באַגער, און מיט בליקן איינשלינגענדיקע און פאַרחלומט בענקענדיקע...

ווען בערטאַ, עזראַס ווייבל, איז די ערשטע און איינציקע פרוי אַריבער־געקומען אַהערצו צו אָט־דעם אַאַזיס, האָבן די מענער־פּיאָנערן אים, עזראַן, שטאַרק מקנא געווען. אַ גרויסע ענדערונג איז ביי זיי מיטאַמאָל פאָרגעקומען זינט איר באַווייזן זיך דאָ. עפּעס ווי אַ נייער שטייגער לעבן און אויפפירונג האָט ווי פון זיך אַליין אָנגעהויבן אויספורעמען זיך: מען האָט אָנגעהויבן אָפטער זיך צו ראַזירן, בייטן די מלבושים אין די אָוונטן, אָפּטמאָל אויספּיינען זיך מיט שייך־ריידעריי, ווער מיט אַ קלוג וואָרט, ווער מיט געזאַנג פון אַ מעלאָדיש ליד — מען האָט געזוכט צו געפעלן... כאָטש יעדער האָט געוואוסט, אַז בערטאַ איז אַ געטרייע, איבערגעגעבענע, ליבע פרוי צו איר מאַן, עזראַן, און זי איז נישט פון דער נאַטור אפילו געניגט אַ פלירט צו טאָן מיט אַ פרעמדן מאַן, ווי ס'טרעפט ניט זעלטן אפילו ביי די אומשולדיקסטע. אָבער אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין האָט די בענק־שאַפט און דער הונגער נאָך אַ פרויס צערטלעכקייט און דערנעענטערונג אומגע־הויער באַווירקט זיי און געאַנדערשט זייער מהות דענקען, געפילן און באַנעם. דער חשק אפילו צו פאָרן אין דעם נאָענטן שטעטל איז שטאַרקער געוואָרן; אפשר וועט זיך מאַכן אַ צופעליקע באַגעגעניש, אַ באַקאַנטשאַפט שליסן, אַ דערנעענטערונג צו עפּעס נאָך וואָס ס'האָט זיך געבענקט, גענאָגט און געמאָנט אַ געוויסע באַפרידיקונג . . .

עזראַן האָט תחילת אביסל געקרענקט און פאַרדראָסן פאַר אָט־דער קנאה, וואָס די חברים פּיאָנערן האָבן אויף אַן אומדירעקטן אופן אָנגעהויבן אים אַרויסצו־ווייזן. גאָר באַזונדערס האָט אים וויי־געטאָן די פאַרשייטע מאָדנע בליקן וואָס זיי וואַרפן צו צו בערטאַן. כל זמן ער איז דאָ געווען ווי אַלע אַנדערע, אָן די פרויען זייערע, איז ער טאַקע געווען דאָ גלייך מיט אַלעמען, איין גורל האָט זיי פאַרבונדן.

ווי נאָר אָבער ער איז געוואָרן דער יוצא מן הכלל, האָט אָט־די אַנדערשקייט גורם געווען אויף די יונגע צו דענקען און פילן אַנדערש; האָבן זיי זיך אַרומ־געטראָגן מיט געפילן פון קנאה.

אויך עזראַן האָט זיך רק אויסגעוויזן, אַז ווי נאָר בערטאַ באַווייזט זיך אין הויף פון קעמפּ, אַרויסקומענדיק פון איר געצעלט, אַזוי הייבן אָן פליען פון אַלע זייטן דורשטיקע, הונגעריקע בליקן; בליקן ווי פייערדיקע זיילן, געריכטעט צו איר, איבער איר. חברה טוען איר בפועל ממש אויס נאַקעט אין זייער אָנגערעג־טער פאַנטאַזיע. הגם עזרא איז בטבע געווען אַ פריילעכע נאַטור, אַ שמח בחלקו, תמיד אַ שפּאַס, אַ וויץ און אַ גוטמוטיקער שמייכל אויף זיינע ליפּן, איז אָבער דער שינוי אין דעם באַנעם פון זיינע חברים האָט אים ניט ווייניק געריצט און אפילו טיילמאָל בייז געמאַכט. ער האָט אפילו אָנגעהויבן ערנסט צו טראַכטן צו דינגען אַ צימער פאַר בערטאַן אין נאָענטן דאָרף, איבערן ווינטער און צום פרי־לינג, ווען די פרויען פון די אַנדערע פּיאָנערן וועלן אָנהייבן אַריבערקומען, וועט ער זי דאַן ברענגען אַהער צוריק. ער האָט איצט איינגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות וואָס ער האָט לכתחילה זי אַריבערגעברענגט אַהערצוצו, צווישן אַזעלכע „וועלף“... לעת־עתה האָט ער געזען און געפילט, אַז בערטאַ איז געוואָרן דער צענטער פון זייער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט, פון זייער דענקען און פילן...

בערטאַן האָט עס טיילווייז געשמייכלט. דער געדאַנק אַז מיט איר באַווייזן זיך דאָ האָט זי מיטאַמאָל אַרויסגערופן אַזעלכע געפילן און שטימונגען ביי די מענער און אויך אַן ענדערונג אפילו ביי איר אייגנעם מאַן, אַזאַ מאָמענט און געפיל איז ביי איר געווען לגמרי אַ נייער. בטבע איז בערטאַ געווען אַ שטילע, אַ באַשיידענע. איר לעבן איז אָנגעגאַנגען אָן וועלכע עס איז קאָנפליקטן און נשמה ראַנגלענישן; איר איז אפילו פרעמד געווען, ביז אַ געוויסן גראַד, דער אומשולדיקער פלירט־מאַניער, וואָס איז כמעט אַ נאַטירלעכער אַטריבוט ביי דאָס רוב פרויען אויף איין אָדער אַנדער אופן. אַזאַ דערשיינונג איז איר זעלטן אויס־געקומען צו באַגעגענען פערזענלעך. האָט זי שטיל געטראָגן אין זיך אָט־די נייע איינדרוקן און ניט געגעבן זיי קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט.

דער איינשטעל אין דעם פּיאָנערן קעמפּ, וואָס שייך די קיך אָנגעלעגנהייט, ווי קאָכן, צוגרייטן די מאָלצייטן פאַר די „צוועלף“, איז געווען אויף אַזאַ אופן: יעדער איינער פון די צוועלף האָט געדאַרפט, נאָך דער רייע נאָך, יעדע צוויי וואָכן, איבערנעמען די ממשלה איבער דער קיך — ווערן אַ קוכער. געווײנלעך האָט קיין איינער פון זיי ניט שטאַרק חשק געהאַט צו טאָן אַזאַ אַרבעט. אַוודאי האָט יעדער געוואָלט בעסער אַרבעטן אויפן פעלד, ביים אַקער־אייזן, ביים זייען וכדומה; וואָרעם דאָס איז דאָך געווען אַלעמענס אידעאַל! פעלד־אַרבעט וועט דאָך זיין דאָ דער הויפּט־מקור פון חיונה. האָט טאַקע יעדער געוואָלט וואָס מער אויסצולערנען זיך און וואָס גיכער האָבן די דערפאַרונג. בכלל, וואָס איז דאָס פאַר אַן עניק, גאָר אַ קוכער ווערן מיטאַמאָל! און קאָכן דריי מאָלצייטן אַ טאָג פאַר צוועלף עסער, וואָס פאַראַ עסערס! נו, איז עס זיכער נישט קיין קלייניקייט, בפרט פאַר איינעם וואָס אים איז די „קולינאַרי“ קונסט אינגאַנצן פרעמד... חוץ מזה האָט מען צו דיר טענות: דאָ זיינען די בעבלעך צו רוי; די יויך צוגעברענט; די קאַווע ביטער, וכדומה. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז גאָרנישט געווען אַזאַ לאָקנדיקע באַ־

שעפּטיקונג און אַן אנגענעמע פּאָזיציע. אָבער מ׳האָט זיך אַנדערש ניט געקענט העלפן! ס׳איז געווען אַ מוז. אַ פּרווּ וואָס זאָל דאָס פאַרזאָרגן איז נישט געווען צו באַקומען; אָנשטעלן אַ כינעזישן קוכער וואָס מען האָט רעקאָמענדירט, איז חוץ די אַנדערע מניעות, אויך נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן; האָט מען געמוזט די ערשטע עטלעכע חדשים, ביז די פּרויען וועלן אַריבערקומען, זיך באַנוצן מיט די אייגענע פּיאָנערן.

ווען ס׳איז געקומען יואלס ריי צו ווערן דער קוכער, האָט ער, פאַרשטייט זיך, ווילנדיק ניט ווילנדיק געמוזט אויספאָלגן דעם איינגעשטעלטן סדר. הגם איך אַ געוויסן זין איז געווען ביי אים אין דעם אויך אַ מאָמענט פון טיילוויזער באַפרידיקונג. און אָט וואָרום:

יואל האָט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צום שרייבן, אַ דראַנג וואָס האָט געטליעט אין אים און אים נישט צורו געלאָזט. זייענדיק אַ גאַנצן טאָג אין און אַרום די קיך, וועט ער אין דער צווישן־צייט האָבן אַ געלעגנהייט צו פאַרצייכענען זיינע אימפּרעסיעס. פלעגט ער טאַקע אין די פרייע שעהען לייענען, באַשרייבן די טונקל־בלויע בערג אַרום דעם טאָל אין די בין־השמשות׳ן, אָדער אַ קופּער־פייער־דיקן זון־פאַרגאַנג ביי דעם האָריזאָנט פון די בערג. די אומבייטנדיקע נאַטור קאָלירפולע בילדער פלעגן אָנהויבן אויף אים עפּעס אַזאַ שטילע בענקעניש און פאַרחלומטקייט...

בעת די חברים־פּיאָנערן זיינען געווען פאַרנומען מיט פעלד־אַרבעט, זיינען די איינציקע צוויי, וואָס זיינען געבליבן אין קעמפּ, געווען יואל און בערטאַ. צווישןביידן האָט זיך גראַדועל אַנטוויקלט אַ חברשע נאָענטשאַפט. ער פלעגט אַריינקומען צו איר אין געצעלט פרעגן ביי איר עצות וועגן קיך־זאַכן, וואָס, למשל, זאָל ער צוגרייטן פאַר מיטאָג אָדער אָוונט־ברויט; זי פלעגט אויך אַריינקומען צו אים אין קיך, זען ווי ער גייט אָן מיט זיין קוכעריי. זי פלעגט אים טאַקע אויך אָנווייזן, ווי אַזוי אַמבעסטן און באַטעמטסטן צו קאָכן די מאָלצייטן. די פּיאָנערן האָבן תיכף דערפילט אַ געוויסן שינוי אין דעם טעם פון געקעכץ, ס׳איז דאָך אַביסל אַנדערש, מיט אַ בעסערן געשמאַק, באַרירט פון אַ פרויאיש האַנט. חברה האָבן טאַקע הנאה געהאַט, אָבער געשוויגן, מורא האָבנדיק צו מאַכן וועלכע עס איז באַמערקונגען אפילו צום גוטן, מ׳זאָל חלילה ניט גאָר קאַליע מאַכן דעם עסק... יואל ווידער איז געווען צופרידן וואָס מען גראַמבלט נישט אויף זיין קוכעריי און אין דער שטיל געווען דאַנקבאַר צו בערטאַן, וואָס זי האָט עס גורם געווען צו דעם... אין די מאָמענטן ביי טאָג פלעגט יואל פאָרלייענען פאַר בערטאַן שיינע מעשהלעך און לידער, דערציילן איר פון זיין לעבן, פון זיינע דערפאַרונגען און פון זיינע בענקענישן.

בערטאַן האָט מען נישט געקענט באַצייכענען ווי אַ יפת־תואר, זי האָט אָבער געהאַט אַ באַזונדער פרויאישן חן און עפּעס אַ מין צנועהדיקע שעמעוודיקייט וואָס האָט פאַראינטריגירט. חוץ מזה, איר שלאַנק געשטאַלט, אירע אויסגעפולטע רונדיקע אברים, איר גלאַטע זויבערע הויט זיינען געווען אנגענעם באַגערנדיק פאַרן מאַנסבילשן אויג. גאָר באַזונדער דאָ, אויף אָט־דעם אָאַזיס, איז זי געוואָרן דאָס געשפּרעך פון דער חברה; ס׳האָט ניט ווייניק באַשעפטיקט זייערע מוחות

און דערוועקט אין זיי אויפברויזנדיקע סענסועלע געפילן; זינט זי האָט זיך באַוויזן אויף אָט־דעם „מאַנסביל אינדזל"...

יואל האָט פאַרערלעכט בערטאַן אין אַ ליד, וואָס ער האָט אין אַ פרייער שעה אָנגעשריבן. קיינער וואָלט אפשר פון דעם ליד זיך נישט דערוואוסט, ס'וואָלט מסתמא פאַרבליבן אַ סוד, ליגנדיק צווישן זיינע אַנדערע כתבים. האָט אָבער אַ שטיפעריש ווינטל דאָס דאַזיקע ליד גראַדע אונטערגעטראָגן דעם תמיד לוס־טיקן מאַרטינען אין האַנט אַריין. אַריינקומענדיק אין קיך האָט מאַרטין דאָס פּאַפּירל מיט דעם כתב־יד ביים שוועל פון טיר אויפגעכאַפּט...

מאַרטין האָט עס שטיל, אומבאַמערקט פון קיינעם, אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע, און ווען ער האָט עס איבערגעלייענט פאַר זיך אַליין, האָט ער תיכף פאַרטראַכט, אַז נאָך דעם אָוונט־מאָלצייט וועט ער זיך אַביסל לוסטיק מאַכן אויפן חשבון פון יואלן.

באַלד נאָך „וועטשערע", אַלע זיינען געווען גראַדע אויפגעלייגט, גוט גע־שטימט, האָט מאַרטין ווי פריער פאַרטראַכט, געוואָלט פראַוון אַביסל לצנות. און נאָך איידער חברה האָבן זיך אויפגעהויבן פון טיש, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און געבעטן אַלעמען זיצן אויף זייערע ערטער.

— חברה! — האָט מאַרטין אין האַלב ערנסטן טאָן אויסגערופן — איך האָב פאַר אייך אַ זייער וויכטיקע נייעס איבערצוגעבן, אַן אַנטדעקונג!

אַלע זיינען געבליבן זיצן שטיל און נייגעריק אין גרויס דערוואַרטונג צו הערן וואָס מאַרטין דער לץ וויל דאָ עפּעס אָפּשפּילן.

— איך גיי פאַר אייך פאַרלייענען אַ ליד פון איינעם אַן אייגענעם שרייבער, טאַקע פון דאַנען גופא...

ס'איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. עטלעכע האָבן זיך האַלב שמייכלענדיק איבערגעקוקט און מיט נייגער געוואַרט.

מאַרטין האָט לאַנגזאַם אַרויסגעצויגן פון זיין הינטער־קעשענע דעם כתב־יד, זיך אויסגעהוסט אַ פּאָר מאָל און דערנאָך מיט וואַזשנעם פאַרנעם און נויטיקן פּאַטאָס אָנגעהויבן פאַרלייענען דאָס ליד, וואָס ער האָט פריער ביים שוועל אויפגעכאַפּט:

אויף דער נאָך ניט באַטראָטענער ערד פון אונדזער טאָל
האָסטו זיך פּלוצלינג באַוויזן:
ווי שטאָלצע קאָרן־זאַנגען און בויגזאַמע וואַסער־ליליען.
האָסטו גראַציעז באַוועגט זיך מיט שטילע טריט אויף אונדזער רוי־ערד.
פּורפּור צאַרטע זון־שטראַלן האָט דיין ווייס־שטאָטיש פּנים אַרומגענומען
און מיט אַ ראָז ליכט דאָס אָנגעצונדן...
ביסט ווי אַ וואַסער־נימפע אַרומגעשפּרונגען
און זיך שפּילעוודיק געחנדלט אין דעם זון־ליכט פון טאָג...
דיינע רייצנדיקע אברים האָבן מיך ווי אַ זיסער ווין פאַרשיכורט;
ווען דו האָסט מייך תאווה־בליק אויף זיך דערפילט,
האָסטו זיך אומגעדרייט צו מיר, און מיט אַ צאַרטן שמייכל מיך באַפרײדט...
אין דיינע אויגן, ווי עמעראַלדן, האָב איך דעם רייץ און גלאַנץ
פון דער וועלט דערזען.

אין דיין שמייכל — די צאַרטע ליבע פון דער פרוי דערפילט.
דיינע בריסטן, קיילעכדיק און רונדיק, ווי די פוס־בערגלעך
פון אונדזער טאָל —
די תאווה פון דעם מאַן דערשפירט...
אויף דער קוים באַטראָטענער ערד פון אונדזער טאָל.
האָסטו, פרוי, צום ערשטן מאָל זיך באַוויזן.
געגאַרט האָב איך דיך האָבן!
כ׳האָב געוואַנדערט איבער לענדער און ימען, איבער בערג און טאָלן —
כ׳האָב אַ סך געזען און נאָך מער פאַרגעסן,
אָבער דיך ! ! !
כאָטש איך קען דיך נישט פיל,
ביסטו אָבער שטאַרק פאַראַנקערט אין מיין איך,
פון אַ ניט געזעטיקט געפיל!...

מאַרטין האָט פאַרענדיקט לייענען דאָס ליד, און הגם אין דעם ליד איז ניט דערמאָנט בערטאַס נאָמען, און אויך איז ניט דערמאַנט געוואָרן אויף דעם ליד דעם מחברס נאָמען, האָבן אָבער אַלע פאַרשטאַנען, אַז דער שרייבער פון דער פאָעמע איז אונדזער אייגענער יואל, און דאָס ליד האָט ער געווידמעט בערטאַן, די איק און איינציקע פרוי אויף אָט־דעם „מאַנדזביל אינדזל"... חברה האָבן אַלע מיטאַמאָל אויסגערופן:

— בראַוואָ, יואל! בראַוואָ! הוראַ! פאַר דעם דיכטער פון אונדזער טאָל!...

יואל, אַבסיל איבערראַשט און צעחושט, האַלב פאַרשעמט און טיילווייז צופרידן וואָס מ׳האָט אים אַנטדעקט און געלייענט זיינס אַ שאַפונג, איז ער דאָך ראַפּטאָם צוגעלאָפן צו מאַרטינען, אַרויסגעכאַפּט פון אים דאָס ליד און איז כמעט ווי ברוגזלעך אַוועק צו זיך אין געצעלט...

חברה האָבן צווישן זיך נאָך אַביסל זיך געוויצלט, געשמועסט; ווער ס׳האָט לוסטיק געזונגען. דערנאָך איז מען צוביסלעך צעקראָכן זיך אין די געצעלטן. שרייבן בריוו צו נאָענטע און משפחה, טיילן זיך מיט לייד און פרייד פון זייער נייעם הייפּערדיקן היינט, און מיט פיל צוזאָגנדיקן, האָפנונגספולן מאָרגן...

**ח באַרקאַן**

## צו וועמען?...

וואויל איז דעם, וואָס גייט ניט אויפן וועג פון חוטאים —
זינגט דער דיכטער, דער תהילים־ייד.
נאָר די וועלט איז פאַרזונקען אין זינד און אין קויטן —
צו וועמען זאָל איך גיין מיט מיין ליד?

אַז דער הערשער נאָר רייסט זיך צום צעהוליעטן אָרט,
און דער תמים פרשטייט ניט מיין מיין;
צו וועמען זאָל איך גיין מיטן קדושה־וואָרט,
מיט דער שטים פון מיין יידיש געביין?

גיי איך ווי אין מדבר און רוף אין דער פוסט:
כ׳האָב אַ וואָרט וואָס דערהייבט, דערלייזט;
ווי געזונטע לופט פאַרן חולה׳ס ברוסט
אַזוי היילט עס פון בלינדקייט, פון בייז.

און איך ווייז זיי די אותיות אין מיין אַלטן בוך,
און עס שיינען די אותיות ווי שטראַלן.
נאָר מענטשן צעלויפן זיך, ווי צעפלויגענער פוך,
ווי פון אַ מויער וואָס וועט באַלד איינפאַלן.

שטיי איך מיט די הייליקע אותיות אין האַנט,
אַ פאַרשעמטער אויפן וועג אַליין;
און כ׳וויים ניט וועמען צו דערציילן מיין שאַנד,
און מיטן וואָרט צו וועמען צו גיין.

---

חנה בושעל־סאַלאַוו

## אַ ליד, אַ טרוים

איך ברענג אַ בינטל טרערן
און הענג עס אויף אַ גרינעם בוים;
ווען צווייגן וואַקסן שענער,
אונטער בלויען קלאָרן רוים!

און די טרערן וועלן נערן
אָט־די וואָרצלען פון דעם בוים —
אונטער זון, אונטער שטערן,
בליען וועט דער שיינער בוים! ...

אַז דו, מיין קינד, וועסט קומען
אין דעם גאָרטן פון שיינעם בוים —
זע אויף יעדן צווייג און בלעטל
איז פאַראַן אַ ליד, אַ טרוים!

און ביינאַכט, ווען שיינען שטערן,
און ס׳פליסטערט שטיל דער ווינט —
קום מיין קינד, וועסטו הערן,
ווי סודות טראָגט דער ווינט! ...

גרוסן פון עלנדע מענטשן,
וואָס מיט דער נאַכט אַליין —
אַז קיינער קומט ניט בענטשן
ביז די זון וועט פאַרגיין! ...

**אריה פּאָזי**

# לייענענדיק י. פרידלאַנד'ס שריפטן

(צום 50־יאָריקן יובילעי פון זיין ליטעראַרישער שעפערישקייט)

אַ שעפערישער שרייבער — אַ פּראָזאַיקער ווי אַ פּאָעט — איז און מוז זיין אַן עמפּינדלעכער, אינטואיטיווער, ברויזנדיקער כוח, מיט אַ פילנדיק האַרץ. דאָס איז אַן עלעמענטאַרער אמת. ווען איינער איז עס נישט, איז ער ניט קיין קינסטלער. אויב אַ דערציילונג אָדער ליד איז געקליגלט, איז עס פאַלש און טרעט אָפּ פון דעם גדר וואָס מיר רופן קונסט. דער גרויסער מאָדערניסטישער פראַנצויזישער שרייבער, אַלבערט קאַמי, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז „שאַפונג הייבט זיך אָן ביי דעם פּונקט וואו עס ענדיקט זיך געדאַנק." און ווען אַ מענטש איז סענסיטיוו, רופט עס זיך אָפּ שעפעריש איבער אַלץ וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק אין משך פון זיין לעבנסגאַנג. פאַרטיפט מען זיך אין די שאַפונגען פון אַ שרייבער אַנטפּלעקט זיך, דירעקט אָדער אומדירעקט, ניט נאָר זיין אינטימער איך, מיט זיינע מענטשלעכע מעלות און חסרונות, געפילן און געדאַנקען, נאָר עס גיט אויך אָנצוהערעניש אויף זיין לעבנסגאַנג אין פאַרלויף פון זיינע שעפערישע יאָרן.


י. פרידלאַנד

אויב דאָס אַרויסגעזאָגטע איז ריכטיק אין שייכות מיט יעדן שרייבער, איז עס באַזונדערס ריכטיק וואָס שייך י. פרידלאַנד. ווען מ'לייענט כסדר פרידלאַנדס דערציילונגען און זיינע צוויי באַנדעס: „אין יענע טעג" און „אין טעג פון געראַנגל," אַנטפּלעקט זיך זיין לעבנס־געשיכטע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די רעוואָלוציאָנערע צייטן אין צאַרישן רוסלאַנד פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז שעפעריש פאַרגעזעצט געוואָרן אין פראַנקרייך און ביז זיינע פּיאָנערישע יאָרן אין קאַליפאָרניע, בעת דאָרט האָט זיך, אויפן פּרימיטיוון באָדן, אָנגעהויבן אַנטוויקלען דער גרויסער ישוב.

דערציילט י. פרידלאַנד, אין „רעטראָספּעקט", וועגן זיך אין זיין פּאָעמע „אין געראַנגל", אַז —

„די מאַמע איז געשטאַנען אין אַ קרעמל,<br>
געהאַנדלט מיט טעפּלעך און טעלער;<br>
דער טאַטע איז געזעסן איבער אַ ספר<br>
ביים עס־טיש, אין שטיבל פון קעלער."

און ווייטער דערציילט ער, אַז —

„חוץ אַריינקוקן אין אַ ספר,<br>
האָט ער (דער טאַטע) אויך געוועבט טליתים;<br>
פון ביידע פרנסות געפייפט האָט<br>
דער דלות, ווי אין אַ שטיבל פון מתים."

דעם טאַטנס אַריינקוקן אין אַ ספר האָט אויף דעם יונגן יצחק פרידלאַנד קענטיק געווירקט, אַז אים „האָט געצויגן צו אותיות, צו בילדער" און, ווי ער שרייבט ווייטער:

„איז עס געוואָרן ביי מיר אַ רגילות,
ניט פאַרבייגיין אַ געדרוקט שטיקל פּאַפּיר;
ווי אַ ייד אַ פרומער, אַ שימע,
ס'אויפהייבן, מיט אויגן און ליפּן באַריר."

און דאָס וואָס פון זיינע עלטערנס „ביידע פרנסות געפּייפט האָט דער דלות" איז פאַר אים געוואָרן אַ סטימול, וואָס ער האָט

„איינמאָל גענומען פון ברודער דעם ביישפּיל,
אויך אַריין אין דעם רעוואָלוציאָנערן פאַראיין;
געגאַנגען אויף קרייזלעך, אויף ,סכאָדקעס' געהיימע,
געלערנט סאָציאַליזם און קאַמף צו פאַרשטיין."

י. פרידלאַנדס שיטה אין שרייבן איז רעאַליזם. ער איז רעאַליסטיש אפילו אין זיינע טרעפלעכע מעטאַפאָרן. אין דעם זין פאָלגט ער נאָך דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון אברהם רייזען. לייענענדיק פרידלאַנדס דערציילונגען ווערט אויפגעוויזן דער אַלט-באַקאַנטער טרואיזם, אַז ס'איז דאָ אַ גאָר נאָענטע קרובה־שאַפט צווישן לעבן און קונסט; נאָך מער — אַז לעבן איז דער מקור פון קונסט, אַז דאָס קאָמפּליצירטקייט פון לעבן איז די ריכטיקע באַזע פאַר קינסטלערישע שאַפונגען. פרידלאַנד האָט דורך זיינע שאַפונגען אויפגעוויזן אויף אַן אמת, וואָס ווערט אָפט פאַרשוויגן פון סאָפיסטיצירטע קריטיקער, וואָס, ווען זיי זוכן אַ סטאַנדאַרד פון קינסטלערישער שלימות, פאַרזעען זיי דאָס באַשיינפּערלעכע, אַז סיי שונד און סיי אמתע קונסט שטאַמען פון דעם זעלביקן באָדן — רעאַל לעבן.

ס'ווענדט זיך נאָר אָן די פעאיקייטן פונעם שרייבער, פון זיין אייגענעם כאַראַקטער פון זיינע נטיות, שאַצונגען און דערפאַרונגען און פון זיין געמיט — וואָס פאַר אַן אויסדרוק און אַ וועלכע פאַבולע אַריינצופאַסן אין זיינע ווערק. איין שרייבער פאַרנעמט זיך אינטואיטיוו מיט אַלע חסרונות און ווילדקייטן, וואָס זיינען דאָ אין מענטש, איז זיך אַליין מתחתן מיטן שטן, גלאָריציפּירט הריגה, געפינט מעלות אין מאַכט איבער יושר, פאַרכליניעט זיך מיט דער תאווה פון זנות. אַ צווייטער, פאַרקערט, וועט אַרויסבעגנען די גוטסקייט, די עניוות, די באַשיידנקייט, די חכמה, דעם אידעאַליזם פון מענטש — דעם געטלעכן פונק וואָס איז אין מענטש פאַרהוילן, זיין נשמה יתירה; ער איז מצרף דעם גייסט פון מענטש צו די אָפּשטראַלונגען פון דער שכינה.

י. פרידלאַנד געהערט אָן דער צווייטער קאַטעגאָריע שרייבער. זיינע טיפּן און כאַראַקטערן זיינען איידל, אַרבעטסזאַם, אָרנטלעך, אידעאַליסטיש, דערווייטערן זיך פון שלעכטס און באַקעמפן איבל.

דאָס איז דער וועג איבער וועלכן עס טרעטן פון אַלע מאָל די בעסטע שעפערס פון דער יידישער ליטעראַטור, דאָס קאָן מען זאָגן איז דער לייטמאָטיוו פון יידישער שעפערישקייט, וואָס האָט טיף אין זיך, אַז דוד המלך, דעם נעים זמירות פון תהילים, האָט ניט זוכה געווען צו בויען דעם בית המקדש, ווייל ער

איז אויך געווען אַ קריגער; זוכה געווען צו דעם האָט זיין זון שלמה, מחמת ער איז געווען אַ מאַן פון פרידן. און אָט דעם יידישלעכן אויסגעטראָטענעם ליטע־ראַרישן וועג פאָלגט נאָך אויך י. פרידלאַנד.

י. פרידלאַנד איז בדרך כלל אַ שטילער שרייבער. ער יאָגט זיך ניט נאָך סענסאַציעס, דעם גוואַלדיקן ברויז אין לעבן. אָבער אין זיין שרייבן פילט זיך דערציילערישע עכטקייט און פיינע שילדערונג. זיינע מענטשן זיינען ניט קאָמ־פּליצירט, אָבער עכט, און איך זייער פשטות איז פאַרהוילן טיפקייט און זיי מאַכן אַ באַזונדערן איינדרוק מיט זייער לירישער שיינקייט און דינע אידעלע געפילן.

פרידלאַנד מאָלט זייער דין און בונט, הגם ער שילדערט מער איידער ער מאָלט. ער געפינט אויס די דינסטע פאַרבן סיי אין מענטש און סיי סביבה. זיינע נאַטור־בילדער זיינען מייסטערלעך. ווייניק שאָטן, מערסטנס ליכט, און זיין קונסט איז דערהויבן צו אַ גאָר הויכער מדרגה.

דוד פרישמאַן האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין זיינס אַ ליד, אַז ער איז מתפלל, אַז זיין עלטער זאָל ניט פאַרשעמען זיין יוגנט. נו, איצט ווערט גע־פייערט דער 50־יאָריקער יובילעי פון פרידלאַנדס ליטעראַרישער טעטיקייט, קען וועגן אים באַשטימט געזאָגט ווערן, אַז זיין „עלטער" פאַרשעמט בשום אופן ניט זיין „יוגנט"— פאַרקערט, ער באַקרוינט אים.

איך שיק פרידלאַנדן מיינע קאָלעגיאַלע ברכות, אַז זיין „עלטער־עלטער" זאָל זיך ציען זייער לאַנג און אַז מיט זיין אריכת ימים זאָל שטייגן און פרוכפּערן זיך זיין שעפערישקייט.

משה עטינגער

## אַ ליד ווערט געבאָרן

מיר דיכטער, כהנים פון וואָרט און שריפט,
מיר לאָדן זיך אָן מיט גנאָד פון געמיט
און לאָזן זיך זוכן חלומות אויף ימען.
מיר שווימען און שוועבן — ביז מיר געפינען.
מיר נעמען זיי לאָקן און זיי טוען זיך שפינען —
און גאָט צינדט אָן פון שאַפן די פלאַמען.
עס מערן זיך ווערטער, עס וואַקסן די גראַמען,
עס באַווייזן זיך גלויבנס, וואָס נאָך ניט פאַראַנען,
זעאונגען, וואָס דאַרפן ערשט געדייען און ווערן.

אין מיט־טאָג צעהעלן זיך אונדזערע שטערן;
זיי פליען ווי פייגל, באַזעצן די סטראָפן
און מיר נעמען זיי אויף מיט פרייד— פון געטראָפן
און זעען מיט מזל— אַ ליד ווערט געבאָרן.

ז. בונין

# ראָמאַנטיזם און רומאַטיזם

אַ קאָלעגע, אַ נאָסטאַלגיש פאַרקלערטער,
האָט זיך געווענדעט צו מיר,
כהאַי לשנא,
מיט די דאָזיקע ווערטער:
עס פעלט, מיין פריינט געערטער,
דער ראָמאַנס אין אונדזער
פּאָעטישער ליטעראַטור.
זי מעג זיך זיין ווי שיין, און גוט,
זיך ניט פאַרשעמען
פאַר דער פּאָעזיע פון כל העולם,
איז עס פאָרט, ווי אַ חלום
אָן אַ חולם.
ווי ליבע־לידער,
אָן ראָמאַנטיק —
איז עס אַ ליטעראַטור,
ווי אַ ניט־געשפּאַנטע פור,
אַזוי צו זאָגן;
ווי איינהאַנטיק.

נו,
און וואָס איז מיט דיר אַליין?
דו האָסט דאָך אַמאָל געשריבן
ראָמאַנסן, לידער
אַזוי פאַרכאַפּנדיק שיין.
זיי זיינען געווען, געדענק איך,
אַזוי פּאָפּולער פאַרשפּרייט
און געזונגען געוואָרן
פון „קינד און קייט"
איז אפשר וואָלסטו טאַקע ווידער? —

— אַמאָל, אַמאָל,
ענטפערט ער ווי מיט פאַרדראָס.
פראַשטייסט אַליין ניט, וואָס?
ווען מען איז יונג געווען
האָט מען אַלץ
אין גאָר אַן אַנדער ליכט געזען !
אָבער ווען דער קאָפּ
איז היפּשלעך שוין באַפּליכט,
און דאָס געזיכט —
צערונצלט און צעקאַרבט געוואָרן,
ווי צען אַקערס וואָלטן איבער דעם
אַדורכגעפאָרן !
און דער רוקן —
אוי, דער רוקן,
דער רומאַטיזם,
גיי שוין, גיי,
ווי פאָרט זיך עס
מיט ראָמאַנטיזם ?

עס איז שוין, מיין פריינט,
אַזוי דאָס לעבנס־דרך:
אין דער יוגנט
איז כמעט יעדערער פון אונדז
אַ שטיקל שלמה המלך.
פילט מען זיך ווי שיר־השירימדיק.
מיטן עלטערן זיך
ווערט מען שוין אַביסל תהלימדיק.
מען ווערט אַזוי פאַרקניפּט, פאַרדרייט
אין לעבנס שלשלת,
און די לידער קלינגען שוין
מיט א י ו ב
און ק ה ל ת !..

ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"
אָפּצאָל 3 דאלער אַ יאָר

# מכוח אונדזער צייטונגס־וועזן און „חשבון"

(אַן אָפּענער בריוו צום שריפטשטעלער א. גאָלאָמב)

אַ נאָענטער שמועס מיט דעם חשובן שריפטשטעלער אברהם גאָלאָמב, בשייכות מיט דעם אויבנדערמאָנטן ענין, האָט גורם געווען איך זאָל שרייבן איצט וועגן דעם.

גאָלאָמב האָט אין זיין שמועס באַרירט גערעכטע טענות:

„געוואַלד, ווי קענט איר דאָ אויסקומען אָן אַ וואָכנבלאַט? עס איז דאָך אַ וויטיק (און אויך אַ בזיון!—י. פּ.) אַז אַזאַ שטאָט ווי ל. א. זאָל דאַרפן וואַרטן מיט אַ נאָטיץ וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן קולטור־ענין ביז עס וועט קומען אַ צייטונג פון ניו־יאָרק (און אַז קומט שוין יאָ אָן דער מאָגערער נאָטיץ איז עס ס'רוב אחר המעשה.—י. פּ.) — זעט, דריי פּריוואַטע צייטונגען אין מעקסיקע און אַלע האַלטן זיך אויס פון אַנאָנסן און באַגריסונגען. מען דאַרף פּרובירן און עס וועט גיין. אַזוי קומט אויס אַ גרויסע יידישע שטאָט אָן אַ שטימע. — איר קענט עס מאַכן, ראַטעווען אַ יידישע שטאָט פון שטומקייט."

די זעלביקע טענה צו די יידן אין ל. א. מכוח דעם ענין האָט צו מיר געהאַט געשריבן דער דיכטער יצחק בערלינער ע"ה, מיט אַ קאַרגן צענדליק יאָר צוריק:

„וואָס איז דער מער מיט די יידן אין ל.א.? — האָט ער געשריבן — פּאַרמאָגט דאָך ל. א. אַ פיינע פּלעיאַדע פון יידישע דיכטער, דערציילער און זשורנאַליסטן, וועלכע וויסן אין ענין פּרעסע און ליטעראַטור; פאַרוואָס נעמען זיי ניט די לייצעס אין דער האַנט... כדי דער וואָגן פון אַ יידישן קולטור־לעבן זאָל ניט פאַרקריכן אויף קרומע וועגן? שפּיגלט דאָך אַ פּרעסע אָפּ דאָס פנים פון אַ ישוב?... עס איז ניט פויגלדיק אין דער יידישער ל.א.!"

כאַראַקטעריסטיש, וואָס ביידע, סיי בערלינער און סיי א. גאָלאָמב, אים צו לאַנגע יאָר, שטעלן אַרויס די יידישע מעקסיקע ווי אַ מוסטער.

אמת, מעקסיקע, מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון 25 טויזנט נפשות, האָט דריי יידישע כמעט טאָג־צייטונגען, חוץ פּאַרטיי־צייטשריפטן און זשורנאַלן. אָבער דער איינשטעל איז מעקסיקע איז אַ גאַנץ אַנדערער ווי ביי אונדז אין די שטאַטן. יאָ, צום באַדויערן, איז גאָרנישט פויגלדיק בנוגע דעם יידישן צייטונגס־וועזן! איבער דער גאַנצער יידישער פּראָווינץ אין אַמעריקע זיינען שוין איצט נישטאָ מער קיין שום יידישע וואָכנשריפטן.

בערך מיט אַ צענדליק יאָר צוריק זיינען אין די גרעסערע יידישע ישובים דערשינען יידישע וואָכנבלעטער און אפילו טאָג־צייטונגען: „די יידישע וועלט" אין פילאַדעלפיע; „יידישע אַרבעטער וועלט" און „טעגלעכער קוריער" אין שיקאַגאָ; „קאַליפאָרניער יידישע שטימע" אין ל. א.; אויך קליוולאַנד און דעטראָיט האָבן געהאַט יידישע צייטשריפטן. אין די אַלע דערמאָנטע גרויסע יידישע ישובים איז מער קייך זכר ניטאָ פון אַ יידישער צייטשריפט. אַ צאָל פון זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ענגלישע אויסגאַבעס. ל. א. אַליין האָט פיר יידיש־ענגלישע וואָכנשריפטן. אַזוי, אַז עס איז נישט נאָר אַ ל. א. פּראָבלעם, נייערט עס איז אַ צרת מדינה.

קומען מיר צום אויספיר, פריינד גאָלאָמב, אַז ס'איז נישט בלויז דער גוטער ווילן און עקשנות וואָס עס פעלט ביי די היגע קולטור־עסקנים; עס איז מער ווי דאָס. ס'איז אַ פיל טיפערע סיבה, וואָס וואָרצלט אין דער אומבאַהאָלפנקייט, פון ניט וועלן און ניט קענען גיין קעגן שטראָם פון דער צייט. און, ווי אַ פועל־יוצא פון דעם מצב זוכט מען זיך צו האַלטן אויפן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד. אין צוגאָב, האָט מען שוין לגמרי פאַרלאָרן דעם בטחון אין דער מאַטעריעלער מעגלעכער אויסהאַלטונג פון אַ לאָקאַלער וואָכנשריפט. חוץ מזה, זיינען דאָ שוין געמאַכט געוואָרן כלערליי פאַרזוכן, אָבער אָן הצלחה. חוץ די ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס האָבן מער ווי 4 נומערן ניט באַוויזן אויסצוהאַלטן, האָבן אויך די חודש־שריפטן, ווי „אונדזער וואָרט", וואָס דער קולטור־קלוב האָט אַרויסגעגעבן אין 1934, און די חודש־שריפט „קאַליפאָרניער" יידיש לעבן", וואָס יחזקאל בראָנשטיין האָט אַרויסגעגעבן אין 1951, זיינען אויך מער ווי 4 נומערן ניט דערשינען.

ס'איז קלאָר פאַר אונדז, חשובער פריינד גאָלאָמב, אַז נאָך די אַלע ניט־געלונגענע פאַרזוכן, סיי פון געזעלשאַפטן, סיי פון יחידים, וועט קיין פריוואַטער אונטערנעמער, ווי אין מעקסיקע, ניט אָנהייבן צו טראַכטן אפילו פון אַזאַ אינוועסטירונג, וואָס איז פון פאָראויס באַשטימט אַ טאָטאַלער פאַרלוסט.

דער ענין איז ווייט ניט אַזוי פשוט, פר. גאָלאָמב: עס זיינען די ספּעציפיש־פסיכאָלאָגישע באַדינגונגען אין יידישער אַמעריקע, וואָס האָט דערפירט צו אַזאַ פאַראַדאָקסאַלן און האַרבן מצב. אַוודאי וואָלט זיך געפאָדערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ענין, הגם ס'איז שוין ניט ווייניק וועגן דעם געשריבן געוואָרן.

וואָס איז שייך די שרייבער גופא, וואָס איר צעהט אונדז, אַז מיר דאַרפן נישט וואַרטן אויף אַן איניציאַטיוו פון זייטיקע מענטשן: „זאָלן אָנהייבן די שרייבער אַליין, דער עולם וועט שוין קומען"... וויל איך אייך זאָגן, אַז דאָס ביסל געציילטע שרייבער וואָס מיר האָבן דאָ, האָבן ניט דעם כוח, ניט די איניציאַטיוו און אַוודאי ניט די מיטלען. חוץ מזה, אין ליכט פון די דערמאָנטע דערפאַרונגען, ווייסן מר, אַז מיר'ן זיך אָנשלאָגן אין אַ שטיינערנער וואַנט...

„מיר יידישע שרייבער — זאָגט איר ערגעץ — זיינען איצט געגליכן צו אַ מאַמען וואָס וויל געבן אירע קינדער עסן, און זיי ווילן בשום אופן ניט נעמען אַ לעפל אין מויל... בלייבט די אַלטע קשיא: „למה אני עמל?" איך בין זיך מודה, אַז מיר ווערט אָפט מיאוס זיך צו שלאָגן אין פאַרמאַכטע טירן; וואָס איך ווייס, אַז מיר וועלן זיי ניט קענען עפענען."... (אונטערשטראָכן פון י.פ.)

קיין פירוש צו דעם דאַרף מען ניט. איר קומט צו דער זעלביקער מסקנה ווי איך. דער געדאַנק פאַר אַ יידישער וואָכנשריפט אָדער אפילו אַ חודש־שריפט איז ביי אַ גאַנץ קליינעם טייל אין אונדזער סביבה ניט מער ווי אַ פרומער וואונטש און אפשר דאָס אויך ניט. דער יידיש־לייענער, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, באַנוגנט זיך מיט דער טעגלעכער פרעסע פון ניו־יאָרק. דער רוב מנין וואָס אינטערעסירט זיך בכלל מיט יידישע ענינים, לייענען דאָ די יידיש־ענגלישע וואָכנשריפטן, וועלכע מיר האָבן דאָ גאַנצע פיר אין צאָל.

אַוודאי וואָלט גוט געווען אַז אַזאַ גרויסער ישוב ווי ל. א. זאָל האָבן אַ וואָכנשריפט אויך אויף יידיש, וואָס זאָל אָפּשפיגלען דאָס היגע קולטור־געזעלשאַפטלעך

יהושע ריווין

# מיר זעען

מיר זעען בלויז יענעמס חסרונות,
אויף אייגענע — זיינען מיר בלינד;
בלויז יענער איז שווארץ און פאַרדאָרבן,
אויף זיך — ניט קיין צייכן פון זינד.

מיר זעען בלויז יענעמס חסרונות,
די אייגענע דעקן מיר צו
מיט ווערטער געשליפענע, פאַלשע,
מיט פאַלשער, געקינצלטער רו.

מיר זעען בלויז יענעמס חסרונות,
די אייגענע זעען מיר קוים,
ווי מ׳זעט ניט אין וואַלד צווישן ביימער
דעם איינציקן בוים...

## דעם גוטן, דעם שלעכטן

צום גוטן זיי גוט,
צום שלעכטן זיי שלעכט;
צו זיך בלויז אַליין,
זיי תמיד גערעכט.

דעם גוטן דערקען,
דעם שלעכטן מייד אויס;
דעם גוטן האָב ליב,
דעם שלעכטן פאַרשטויס.

דעם גוטן גיב אָפּ
ריין לעבן, דיין לייב;
דעם שלעכטן נישט זע,
פאַריאָג אים, פאַרטרייב.

דעם גוטן באַזוך,
דעם גוטן דערצייל;
פון שלעכטן אַנטלויף,
פון שלעכטן פאַרהויל.

פאַר קיינעם נישט קני,
פאַר קיינעם נישט פאַל;
זיי זיכער, דו טרינקסט
פון אמתן קוואַל.

---

לעבן און ניט מוזן אַרויסקוקן אויף אַ צימצומדיקן באַטיצל, וואָס ס׳קומט ס׳רוב אָן פאַרשפּעטיקט.

אָבער דאָס איז אָן ענין פון אַ גרעסערן פאַרנעם, באַזירט אויף דעם יסוד פון אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, מיט די נויטיקע פאָנדן פאַר עקזיסטענץ פאַרזיכערונג. לעת־עתה, ביז אַזאַ חלום וועט ווערן אַ יש, וועט „חשבון״ זען, אַז אויף די שפּאַלטן פון דער פערטל־יאָר שריפט זאָל זיך אָפּשפּיגלען אונדזער ישובביים פּאַסיפיק, ליטעראַריש, קולטורעל און קינסטלעריש. גוט כאַטש אויף אַזויפיל! גם זו לטובה!..

י. פרידלאַנד

**גאָלדע שלאָסבערג־דראָז**

# דער שאַליק

(סקיצע)

מיין חברטע פייגעלע האָט געוואוינט אין די בראָנקס מיט איר מאַן און צוויי קינדער, אַ ייִנגל און אַ מיידל. דער מאַן איז געווען אַ גוטער שניידער און ער האָט געאַרבעט פאַר זיך. ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, האָט פייגעלע גענומען שטודירן און פאַרענידקט אַלס אַ נורס מיט גוטע אויסצייכענונגען.

זי האָט זייער ליב געהאַט איר פּראָפעסיע. זי איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו איר באַרוף. זי איז שטענדיק געווען פאַרנומען.

בלויז פון צייט צו צייט פלעגט זי פילן אַז זי מוז זיך אָפּרוען.

אונדזער פריינדשאַפט האָט זיך געצויגן נאָך פון דער אַלטער היים און ווען עפּעס פלעגט אונדז דריקן, פלעגן מיר געפינען איינע די אַנדערע און זיך פאַרטרויען.

איר פאָטער איז געווען דער שמש פון דער לוקישקער שול אין ווילנע. מיר האָבן זיך געלערנט אין דערזעלבער רוסישער שולע און פלעגן אַלע טאָג צוזאַמען גיין אַהיים און אויפן וועג שטיפעריש אונטערשפּרינגען און נאָכדעם זוכן אַריבעריאָגן איינע די אַנדערע.

די אַלע נאָסטאַלגישע זכרונות האָט אונדזער פריינטשאַפט געהאַלטן אַלע יאָרן. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן.

פייגעלע האָט געהאַט אַ סימפּאַטישן פּנים, האָט צוגעצויגן צו זיך און אַלע מאָל באַגריסט יעדן איינעם מיט אַ ליבן שמייכל.

ווען אירע קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, האָט פייגעלע שוין ניט געדאַרפט זיך זאָרגן וועגן זיי. דאַן האָט זי געהאַט גענוג פרייע צייט זיך צו פאַרווילן גיין אין טעאַטער און צו קאָנצערטן. איר מאַן האָט ניט געהאַט דעם געפיל פאַר די זאַכן, פלעגט זי גיין אַליין.

איינמאָל זיצנדיק אין זאַל ביי אַ קאָנצערט, האָט זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט אַ מיטליעריקער מאַן, נעט געקליידעט, מיט זייער אַ פיינעם פּנים. ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר און זיך פאָרגעשטעלט. זי האָט אַליין ניט געוואוס ווי אַזוי זייער געשפּרעך האָט זיך אַנטוויקלט. זיין קול, אַ ווייכס, אַ וואַרעמס, האָט זיך אַריינגעריסן אין איר קעגן איר ווילן. זי האָט פּרובירט מיט אַלע מעגלעכקייטן ניט צו זיין פאַראינטערעסירט און גענומען לייענען איר פּראָגראַם. ער האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיט דעם און האָט פאָרגעזעצט זיין רעדן צו איר.

גערעדט האָט ער וועגן דער מוזיק, וועגן די שפּילער, וועגן דעם עולם און געפּרואווט מאַכן אַן איינדרוק אויף איר. האָט זי געפילט. זי האָט זיך געמוזט צוהערן.

אַזוי איז באַקאַנטשאַפט צווישןביידן געשלאָסן געוואָרן קעגן איר ווילן. פּלוצים האָט זי באַמערקט ווי זי איז אַריינגעוועבט געוואָרן אין געשפּרעך. זיין לאַשטשענדיק קול האָט גענומען ווירקן אויף איר און זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין.

נאָכן קאָנצערט האָט ער איר געפרעגט, אויב זי וואָלט באַוויליגט גיין מיט אים טרינקען אַ קאַווע. זי האָט זיך אַ ווייל געקווענקלט, ניט געוואוסט ווי אַזוי זי זאָל האַנדלען און האָט צוגעשטימט.

ער האָט איר געפרעגט: „ווי רופט מען אייך?"

— פייגעלע — האָט זי געענטפערט.

— און מיין נאָמען איז איסאַק — האָט ער געשמייכלט.

זי זיינען אַריין אין אַ פיינעם רעסטאָראַן. אַלץ אַרום האָט זיך איר אויס־געוויזן האָט געשמייכלט צו איר. נאָר זיצנדיק האָט זי געטראַכט, וואָס האָט מיט איר פּלוצלינג פּאַסירט צו לאָזן זיך אַזוי לייכט איבעררעדן.

ביסלעכוויז איז די שרעק פון איר אַוועק און עפּעס ווי אַ ליכט האָט איר באַשיינט. אָננעמענדיק זיך מיט מוט האָט זי געזאָגט:

— איר ווייסט, איך גיי קיינמאָל ניט אין אַזעלכע עלעגאַנטע פּלעצער. איך האָף, איך וועל אייך ניט פאַרשעמען.

ער האָט אָנגענומען איר אָרעם און אים אַ דריק געטאָן, ווי פּרובירנדיק איר געבן די בויטיקע זיכערקייט.

זי האָט ניט באַמערקט ווי די צייט איז אַוועק. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר האַנט־זייגערל און זיך ממש דערשראָקן — ס'איז דאָך שוין געווען איינס אַזייגער. מען מוז גיין.

ער האָט גוטמוטיק אַריינגעקוקט אין אירע טונקל־ברוינע אויגן, וועלכע האָבן זייער געשיינט, און שמייכלענדיק געזאָגט:

— איר וועט געפינען עפּעס אַ תירוץ.

זי איז געגאַנגען ווי אויף לופט ביי זיין זייט, געטראָגן פון אַן אינערלעכער פרייד. פאַרוואָס זי האָט אַזוי געפילט, האָט זי אַליין ניט געקאָנט באַגרייפן, אָבער זי האָט געפילט אַז עפּעס אויסטערלישעס וועט געשען מיט איר.

אומבאַמערקט פון איר אַליין איז זי שטאַרק געווען צופרידן פון דער געשעעניש...

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אַ שטאַרקע ליבע צווישן זיי... זיי פלעגן זיך אָפט טרעפן. יעדע באַגעגעניש האָט געהאַט אומצאָליקע וואונדערלעכע עפּי־זאָדן. ער האָט יעדעס מאָל זי איבערראַשט מיט עפּעס: דאָ מיט אַ קאָנצערט, דאָ מיט אַ מתנה.

זי האָט אפילו ניט געהאַט קיין אָנונג אַז אַ מענטש קאָן אַ מענטשן דערהויבן צו די העכסטע הויכן. איר לעבן איז געוואָרן אויסגעפילט מיט גליק און פאַרגעניגן.

ווען זי פלעגט זיך לייגן שלאָפן, האָט זי מורא געהאַט אַנטשלאָפן צו ווערן, ווייל ווען זי וועט אויפשטיין, זאָל עס ניט האָבן געווען קיין חלום.

און אַזוי זיינען געגאַנגען די טעג און די יאָרן. זי האָט געלעבט בלויז מיטן געדאַנק צו זיין צוזאַמען מיט איסאַקן.

עס איז זיי ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן זייער צוקונפט. ווען זי האָט אַמאָל דערמאָנט אים וועגן זייער צוקונפט, האָט ער איר אַ גלעט געטאָן איבער אירע שוואַרץ־גלאַנציקע האָר און איר צודריקן צו זיך און זאָגן:

צו וואָס זיך זאָרגן פאַרן מאָרגן? היינט איז אונדז גוט, דאָס איז די הויפּט־זאַך.

ער האָט איר אַ הויב געטאָן צו זיך, צוגעדריקט און געזאָגט:

— יעדער היינט איז אַ שטיק נעכטן.

און אַזוי איז דאָס לעבן אַנגעגאַנגען. ווען זי פלעגט קומען פון דער אַרבעט האָט זי שוין ניט געהאַט די שטענדיקע מידקייט פון אַמאָל. זי פלעגט אַ פריידיקע

צוגרייטן דאָס עסן פֿאַרן מאַן און אירע צוויי קינדער און אַלץ אין איר האָט געזונגען ביי דער אַרבעט.

דער פֿריינט אירער איז געווען אַ „טרעוועלינג סיילעסמאַן". ער פֿלעגט זיין אַוועק אַמאָל דריי־פֿיר וואָכן, אָבער זי האָט אים תּמיד געזען פֿאַר די אויגן. און דאָס האָט איר געגעבן מוט און געדולד צו טראָגן די בענקשאַפֿט אין זיך. און טועדיק דאָס האָט זי געפֿילט אַז ער איז שטענדיק מיט איר.

אין איר היים איז אַלץ אָנגעגאַנגען ווי געווען; זי האָט אויף קיין האָר ניט געגעבן קיין אָנצוהערעניש אָדער אַן אָנדייט וועגן איר בענקשאַפֿט אין האַרצן נאָך אים.

ווען איסאַק איז געקומען נאָך אייניקע וואָכן פֿון ניט זיין דאָ, האָט זי אויפֿגעלויכטן. זי האָט מיר טעלעפֿאָנירט אַז ער איז דאָ.

פֿייגעלע האָט קוים דערלעבט דעם טאָג ווען איסאַק האָט איר טעלעפֿאָנירט אַ גאַנצן טאָג האָט זי געזונגען ביי דער אַרבעט. איר פּנים איז געווען באַלויכטן און עס האָט ממש אָנגעשטעקט אירע פּאַציענטן מיט איר זוניקייט.

איינע, אַן עלטערע פּאַציענטקע, האָט איר געפֿרעגט:

— איר לויכט אַזוי היינט, וואָס האָט פּאַסירט?

האָט זי אַ גלעט געטאָן דער קראַנקער פּרוי און געזאָגט:

— היינט איז ביי מיר אַ טאָג פֿון פֿרייד.

און זי איז אַרויס פֿון צימער ממש אונטערטאַנצנדיק.

קומענדיק אַהיים האָט זי קוים דערלעבט אָפּ׳פּטרן דאָס עסן, צעוואַשן דאָס געשיר, און ווי געטראָגן אין דער לופֿט האָט זי אויסגעזיכט איר שענסטע קלייד, וואָס האָט איר זייער געקליידט און וואָס איסאַק האָט שטאַרק ליב געהאַט, און מיט שנעלע טריט איז זי אַרויס פֿון שטוב.

זיי האָבן זיך, ווי אַלעמאָל, געטראָפֿן אויפֿן באַשטימטן אָרט. זי האָט זיך פֿאַר זיך אַליין געשעמט פֿון איר אויסגוס פֿון ליבע צו אים...

ער האָט איר אַרומגענומען און זיי האָבן זיך שטאַרק צעקושט. ער האָט איר גענומען דערציילן וועגן זיינע דערפֿאַרונגען אין וועג, זיין אַרבעט, און זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט ער זאָל איר פֿרעגן ווי אַזוי עס האָט זיך איר געלעבט די צייט וואָס ער איז געווען אַוועק; נאָר ער האָט דאָס ניט געטאָן. ער האָט אפֿילו ניט געפֿרעגט צי זי האָט געבענקט נאָך אים, נאָר זי האָט עס אים אַליין דערציילט.

מיטאַמאָל האָט ער איר גענומען דערציילן אַז ער וועט מוזן בייטן זיין שטעלע און אַוועקפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, דערפֿאַר וואָס מען האָט אים אָנגעבאָטן אַ סך אַ גרעסערן געהאַלט און בעסערע באַדינגונגען. מען האָט אים געגעבן זייער אַ קורצע צייט צו באַשליסן דאָס.

ביי די רייד האָט זיך פֿייגעלעס האַרץ ווי אָפּגעשטעלט. די שטימונג צווישן זיי איז געוואָרן זייער אַ שווערע.

ער האָט גענומען איר האַנט און זי געגלעט און געזוכט עפּעס צו זאָגן איר, וואָס זאָל איר שטימונג פֿאַרגרינגערן, אָבער זי איז געזעסן ווי אַן עלעקטריפֿי־צירטע; געקוקט אויף אים און אַ שטראָם פֿון טרערן האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער איר פּנים.

איסאַק האָט שטילערהייט אַרויסגענומען פֿון זיין קעשענע אַ פּעקעלע און דאָס געגעבן פֿייגעלען.

— נאָדיר אַ מתנהלע. איך גלויב אַז עס וועט דיר זייער קליידן.

זי האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּעקל און כמעט ניט געקאָנט זען דורך די טרערן די שיינקייט פון דער פאַטשיילקע.

זיי זיינען אַרויס אינדרויסן. עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. ער האָט איר געבעטן אָנטאָן די פאַטשיילקע, נאָר זי האָט געשוויגן און דאָס ניט געטאָן. זי האָט אַ ציטער געטאָן און צוגעטוליעט זיך נענטער צו איסאַקן.

ווען זי איז אַהיימגעקומען האָט זי געפילט ווי אַ פּוסטקייט האָט איר אַרומ־גענומען. זי האָט זיך שטיל אויסגעטאָן און געלייגט אין בעט אַריין. מיט אָפענע אויגן איז זי געלעגן די גאַנצע נאַכט און געטראַכט: וואָס איז איצטער? איך קאָן דאָך אָן אים ניט לעבן.

אויף מאָרגן האָט זי מיר טעלעפאָנירט און דערציילט וועגן איסאַקס באַשלוס. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט מער ניט צוליב וואָס צו לעבן. מיינע טרייסט־ווערטער האָבן, ווייזט אויס, ניט געהאָלפן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען פייגעלען געפונען אַ טויטע אין בעט. דאָס שאַליקל פון איסאַקן איז געווען שטאַרק אַרומגעבונדן אַרום איר האַלדז.

איך האָב זיך לאַנג, לאַנג ניט געקאָנט באַרואיקן. איר שיינער פּנים האָט מיך פאַרפאָלגט און געפאָדערט אַן ענטפער פון מיר וועגן דאָס יונג אויסגעגאַנגען לעבן.

זי שטייט פאַר מיינע אויגן כסדר און איך דערמאָן זיך אין אונדזערע גליק־לעכע יאָרן צוזאַמען און איך פרעג זיך נאָכאַנאַנד דיזעלבע פראַגע:

„פאַרוואָס ? פאַרוואָס ?"

## פרידלאַנד פאָנד רופט שרייבער אַריינצושיקן עסייען און דערציילונגען פאַרן יאָר 1965

דער פרידלאַנד פאָנד האָט אַרויסגעשיקט אַ רוף צו שרייבער אַריינצושיקן זייערע עסייען און דערציילונגען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין די ליטע־ראַרישע זשורנאַלן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אין יאָר 1965.

די שאַפונגען וועלן גענומען ווערן אין באַטראַכט פון אַ זשורי, וואָס וועט אויסטיילן די זעקסטע יערלעכע פרעמיע פאַר דער בעסערער עסיי און בעסטע דערציילונג פון יאָר. יעדע פרעמיע באַטרעפט 200 דאָלער. די געדרוקטע שאַפונגען דאַרפן אַריינקומען ניט שפּעטער ווי דעם 16טן דעצעמבער, היי־יאָר, אויף דעם פאָלגענדיקן אַדרעס:

I. FRIEDLAND LITERARY FUND

4375 Sunset Drive Los Angeles, Calif. 90027

## יידישער לייענער !

טוט אייער קולטור חוב ! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש—באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט פון „חשבון"—די איינציקע שריפט אין יידיש אין לאָס אַנגעלעס.

דוד ראַפּאָפּאָרט

# בריוו צו חייקעלען*)

אַליין אין דער היים,
די היים וואָס דו האָסט אַזוי ליב געהאַט,
בענקט נאָך דיר.

אין פּאַרק פליען נאָך פייגל,
אויך די ווינטן וואָס האָבן געלאַשטשעט
דיינע צעפלאַמטע רויטע באַקן,
געפּאַטלט דיינע פּעך־שוואַרצע האָר,
זוכן דיך, פרעגן:
חייקעלע, וואו ביזטו ?
לעצטער זומער.
האָסט ליב געהאַט צו פאָרן זיך באָדן אין ים.
אויפן אויסגעבאַקענעם זאַמד האָסטו געלאָזט דיינע פוס־צייכנס.
די שטילע כוואַליעס פון „אָרטשאַרד ביטש"
האָבן דיך געקושט.
די זון האָט געברוינט דיין צאַרט לייב,
און ווי אַ קינד האָסטו זיך געפּליעסקעט אין וואַסער
און זיך בישט אָנגעזאַפּט מיט די ווייסע טעג
פון דיין קורצן איבערגעשניטענעם לעבן.

איצט איז האַרבסט.
נאַקעטע ביימער שטייען פאַראָבלט
מיט גאָלד־געלע בלעטער ביי זייערע פיס
אין שפּעטן אינדיאַנער זומער
מיט דראָענדיקע וואָלקנס אין די הימלען
פון פלוצימדיקן אומקום.

דער האַרבסט שווייגט.
ס'שווייגן די ווענט פון אונדזער היים.
(בלויז איך אַליין וויין).
דו האָסט אויסגעפּילט יעדעס ווינקעלע מיט לעבן.
ביזט געווען אַ פאָנטאַן פון יוגנט, פרוכט פון גוטסקייט,
באַלעבט מיט דיין לעבן, מיט דיין האַרץ, מיט דיין נשמה,
מיט דיין בליק, מיט דיינע געפילן אַלע קראַנקע, אַלע ליידנדיקע,
אַלע אומגליקלעכע — זיי אָנגעהויכט מיטן פאַרשיכורנדיקן ווייַן פון זיין.
איצט ליגסטו אָן אויסגעלאָשענער שטערן
אין דער קאַלטער לאָנג־איילאַנדער ערד,

*) פערזן־פראַגמענטן פון אַ טאָג־בוך.

אויפֿן קרעמעניצער עולם האמת אַליין, אַליין, אַליין,
אַליין, וואָס דו האָסט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין.

האָסט נישט געגאַרט נאָך רייכטום, נאָך צירונג, נאָך פוטערס, נאָך ניי מעבל.
פֿאַר דיר איז געווען גענוג גאָטס פריי געשאַנק:
די זון, די לבנה, אַן אויסגעשטערנטער הימל,
אָטעמען פרישע לופט, אַ שפּאַציר אין גאַס,
קלעטערן די בערג, זיך אויסגיסן אויף די גרינע פעלדער,
אַ שווים אין ים, אַ געלעגער אויף די אויסגעבריטע זאַמדן ביי די וואַסער־ברעגן;
אַ גוט־מאָרגן פון אַ מענטשן,
אַן אַלט־געבאַקן שטיקל דוגאַנס ווייצן־ברויט,
אַ הייסע גלאָז קאַווע מיט ברעיקסטאַנס אַ שטיקל פאַרמער־קעז
און דו ביזט געווען גליקלעכער פונעם גליקלעכסטן מענטשן אויף דער וועלט.

חייקעלע, היינט איז דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל.
דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל איז דיין געבוירנטאָג.
דיין ערשטער געבוירנטאָג פון אונדזער צעשיידונג.
זע איך דיך איצט, מיין בלום, ווי דו האָסט אַזוי
פרעכטיק שיין געשיינט אין פרילינג און אין זומער,
און אַ צאַנקענדיקע אין די אָרעמס פון טויט אין האַרבסט.
דער גליקלעכער און אומגליקלעכער חודש נאָוועמבער!
כ׳געדענק, ווען דו ביזט אַהיים־געקומען פון שפּיטאָל:
איך האָב געלייענט די „טאַימס״, דו האָסט אַ קוק געטאָן אויף דער דאַטע
און אויסגערופן: — „זע, נאָוועמבער דעם צווייטן!
איך האָב אַ פאַרגעסענער געפרעגט: — „איז וואָס?״
דו האָסט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט: — „זע, נאָוועמבער דעם צווייטן!
מיינט עס גאָרנישט צו דיר ? ! ״

אַ פאַרשולדיקטער האָב איך זיך געכאַפּט:
„אָ, יאָ, גאָר פאַרגעסן, היינט איז אונדזער חתונה־טאָג,
דער פינף און דרייסיקסטער חתונה אַניווערסאַרי.״
דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ בלאָע נאַכט,
און איך האָב פאַר דיר רעציטירט מיינע ערשטע לידער צו דיר.
„לבנה־שיין האָט זיך צעגאָסן אויף דיין מילדן פנים״
און „קום צו מיר מייך ברוינע מיידל.״
איז געקומען נאָוועמבער דעם זיבעטן — דיך אויסגעלאָשן —
און פון מיר דיך צוגענומען.

נעכטן איז געווען דער ערשטער פראָסט.
אַ ווייסער ליילעך איז האָט צוגעדעקט דאָס טייכל אין פאַרק.
אונטערן ליילעך איז האָט נאָך געריזלט איידל שטיל אַ גרוי וואַסער.

# געלייענט און פאַרצייכנט

## „וואַנדערונגען און נסיונות" פון י. פרידלאַנד

י. פרידלאַנד, וועלכער איז גוט־באַקאַנט דורך זיינע פריער דערשינענע ביכער — „רוי ערד", „פון פאַסיפיק ביז כנרת", און, בעיקר, אַלס רעדאַקטאָר פון „חשבון", האָט אונדז צוגעטראָגן אַ ניי בוך פון זיין פעדער, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אינטערעסאַנטע בילדער און דערציילונגען.

פרידלאַנד האָט איינגעטיילט זיין בוך אין אָפּטיילונגען: דערציילונגען וועגן צאַרישן רוסלאַנד; עולים־טיפּן אין ארץ־ישראל; קאַליפאָרניער בילדער און דערציילונגען. דער מחבר ווייסט ווי אַזוי צו דערציילן אַ סיפּור המעשה און האַלטן דעם אינטערעס פון לייענער. זייך סטיל איז אַ לייכט־פליסיקער. אין קורצע שטריכן גיט זיך אים אייך אָפּצושילדערן אַ פּערזאָן און אים אַריינפּאַסן אין אַ סיטואַציע.

אַ גוטער ביישפּיל ווי אַזוי פרידלאַנד צייכנט אָן אַ בילד איז דאָס פאָלגנדיקע (זייט 122):

„איינמאָל, ס'איז געווען אין אַ שמחת תורה, ר' דודל איז געזעסן מיט זיינע חסידים און זיך משמח געווען מיט גאָט'ס תורה. די חסידים, כמנהג, האָבן געטרונקען לחיים צום רביץ און אים שטאַרק געווינטשעוועט ער זאָל מאריך ימים ושנים זיין, דערלעבן משיחן וכו'. מיטאַמאָל שטעלט זיך אונדזער זיידע אויף מיט אַ כוס אין האַנט און נעמט אויך ווינטשעווען ר' דודלען:

— רבי, זאָל אויף אייך מקוים ווערן דער פּסוק: „צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם." די חסידים אַרום טיש זיינען אַלע ווי איינער אויפגעשטאַנען מיט אַ גרויס געשריי און ליאַרם: — ער שעלט דעם רביץ!

ר' דודל האָט זיך אויפגעהויבן, אַ מאַך־טועדיק מיט דער האַנט און אויסגערופן: „באַרואיקט אייך, ליבע יידן! באַרואיקט אייך! גאָט קוקט אין מענטשנס האַרץ... געמיינט האָט ער גוט, און דאָס איז דער עיקר!"

י. פרידלאַנד האָט ליב צו ציטירן פון דער אַלטער ליטעראַטור, און הגם זיינע ציטאַטן ברענגען אַרויס בדרך כלל דעם אינהאַלט פון אַ מאמר, ווערט אָבער דער אָריגינעלער מאמר, ליידער, ניט אַלעמאָל איבערגעגעבן ריכטיק.

פרידלאַנדס גרעסטע מעלה איז אָבער די לייכטקייט מיט וועלכער ער באַהאַנדלט אַ פּאַסירונג און ווי אַזוי ער צייכנט אָן זיין פּערסאַנאַזש. זיין פעדער פאָלגט אים, וואָרים ער האָט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן צו דערציילן און ער ווייסט ווי אַזוי צו מאַנעווורירן מיט זיין וואָרט און ניט פאַרמאַטערן דעם לייענער מיט צופיל פּרטים. רע טרעט שטענדיק צו צום הויפּט־פּונקט דירעקט און פאַרפּלאָנטערט זיך ניט. זיין בוך לאָזט איבער אַ גוטן איינדרוק. דער לייענער צעזעגנט זיך מיטן מחבר מי טאַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט.

(„אונדזער וועג", שיקאַגע)

---

אַ קאַלטער ווינט האָט געריסן די דעכער און די צעשויבערטע קעפּ פון די ביימער.
שפּעט ביינאַכט איז דער ווינט געוואָרן לייכטער און די קעלט טיפער.
קעץ האָבן געוויינט. איך האָב געוואָלט לויפן אויפן בית־עולם, צו דיין קבר,
זיך אַוועקלייגן נעבן דיר, דיך אויסוואַרעמען יעדן אבר.
דיר מוז דאָרטן זיין אַזוי איינזאַם און קאַלט אין אַזאַ פינצטערער נאַכט...

(נאָוו., 1963, ניו־יאָרק)

**יצחק ניומאַן**

# דער יום־טוב פסח

**פסח** איז דער עלטסטער, דער ערשטער און גרעסטער יום־טוב פון אַלע דריי שלוש רגלים, פסח, שבועות און סוכות, ווען יעדער ייד פלעגט עולה זיין צום בית־המקדש קיין ירושלים. אָבער יידן האָבן געפייערט דעם יום־טוב פסח נאָך פריער, ווי לויט דעם „ספר היובלים״ (איינער פון די ספרים חיצונים) האָט אַברהם אָבינו שוין געפייערט דעם יום־טוב פסח. אפילו אין מצרים, איידער די יידן זיינען אַרויס פון דאָרט, בעט משה ביי פרעהן: לאָז די יידן אַרויס פייערן זייער פרילינג יום־טוב, מיט ברענגען קרבנות צו זייער גאָט אין מדבר. פסח איז דער טייטש — אַריבערשפּרונגען: גאָט איז פאַרביי יידישע הייזער ווען ער האָט אומגעבראַכט די בכורים פון די מצריים.

דער יום־טוב פסח דויערט אַכט טעג. דער זיבעטער טאָג רופט זיך: שביעי של פסח. דאָס איז דער טאָג אין וועלכן די יידן זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם געשפּאָלטענעם ים־סוף, ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים. דער אַכטער טאָג רופט זיך: אחרון־של־פסח, וועלכער איז יום־טוב נאָר אין די תפוצות.

די וויכטיקייט פון פייערן ימים טובים, בכלל די דערמאָנונג פון דעם ווייטן אַמאָל, גיט אינהאַלט דעם היינט און דעם מאָרגן; עס וואַרעמט די נשמה און גיט אַ זין צו אונדזער לעבן; עס פרישט אָפּ דעם זכרון פון אונדזער רייכער פאָלקס־געשיכטע. חג הפסח איז אַ פרילינג יום־טוב און ווי אַ זכר פאַר יציאת מצרים. ביידע זאַכן זיינען גרויסע און שיינע געדאַנקען; אָבער אָן די סימבאָלן פון עסן מצות, אָן אָפּריכטן דעם סדר, וואָלט עס ניט אַריין אַזוי טיף אין די הערצער פון פאָלק. די מינוט ווען אַ ייד הערט אויף צו פייערן די יידישע ימים טובים ווערט זיין יידישקייט ביי אים פאַרטריקנט. אפשר וועט אין לויף פון דער צייט עפּעס געענדערט ווערן. אָבער דער עיקר, דער יסוד וועט אייביק בלייבן.

ווי אַלע אַנדערע יידישע ימים טובים ווערט פסח אויך אָנגערופן מיט מער ווי איין נאָמען. חוץ חג הפסח און חג המצות, מאַכט דעם היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס אַ חילוק צווישן ביידע. ער זאָגט: דער 14טער טאָג אין חודש ניסן ווערט גערופן חג הפסח דערפאַר, ווייל מען האָט דעמאָלט מקריב געווען דעם קרבן פסח, לויט דעם געבאָט פון דער תורה, און פון 15טן ביז דעם 21טן טאָג אין ניסן ווערט גערופן „חג המצות.״ אין קידוש, אויך אין שמונה עשרה זאָגט מען טאָקע ניט חג הפסח נאָר חג המצות. ערשט פון דער צייט פון די תנאים האָט מען גענומען גערופן דעם יום־טוב מיטן נאָמען פסח. זיי האָבן אפילו די משנה און גמרא מיט די דינים פון פסח אָנגערופן די מסכתא פסחים, און אַזוי איז שוין געבליבן בים פאָלק. מען זאָגט ניט דער יום־טוב מצות נאָר יום־טוב פסח. די הגדה ווערט אויך אָנגערופן, הגדה של פסח, און ניט הגדה של מצות. אַזוי איז די פאָלקס־טראַדיציע און פאָלקס איינפירונג . . .

טייל פאָרשער שפּעקולירן מיט דער מיינונג, דאָס פסח און חג המצות זיינען געווען צוויי באַזונדערע ימים טובים, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אין איין צייט. אין דער מדבר האָבן יידן געפייערט דעם חג הפסח, ערשט שפּעטער אין לאַנד כנען איז אויפגעקומען דער חג המצות, וואָס די גאַנצע געמיינדע האָט געפייערט

מיט אַ סדר, בעת דעם חג הפסח האָט מען געפייערט ביי זיך אין הויז ווי אַ פאַמיליע יום־טוב.

אין אַלע מנהגים פון פסח און פון חג המצות זיינען דאָ דערמאָנונגען פון יציאת מצרים, און יעדע צערעמאָניע ביים סדר איז אַ היסטאָרישער באַטייט: די מצות, דער מרור, די חריין, די חרוסת — צו דערמאָנען די ביטערע צייטן פון קנעכטן די ליים פאַר פרעהס פּאַלאַצן אין מצרים. גאָר שפּעטער זיינען ביידע ימים־טובים צוזאַמענגעשמאָלצן געוואָרן צו איין יום־טוב.

שטאַרק צעפלאַקערט האָט זיך דער יום־טוב פסח אין די לעצטע יאָרן פון בית־המקדש, ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון אַ משיח, אַ גואל, וואָס וועט זיין אַ צווייטער משה רבנו, וואָס וועט ווידער ווייזן נסים ונפלאות. און אין דער פסח נאַכט האָבן יידישע הערצער געקלאַפּט מיט דער האָפענונג, אַז אָט ווערן יידן אויסגעלייזט פון די רוימער, פונקט ווי דעמאָלט פון מצרים.

נאָכן חורבן בית־המקדש האָט דער יום־טוב פסח געקראָגן אַ נייען נאָמען: „זמן חרותנו", דער יום־טוב פון באַפרייאונג פון גלות, און אַנשטאַט פייערן דעם חרבן פסח איז געוואָרן פסח אַ פאַמיליע יום־טוב, וואָס ווערט אָנגעהאַלטן ביז היינטיקן טאָג.

פסח איז אויך דער יום־טוב פון די זמנים, דער „חג האביב", די ערשטע שניט פון גערשטן, און לויט דעם דין פון חומש ויקרא, דאַרף מען ברענגען אַן אָנהייב פון ערשטן שניט אַ בינטל תבואה אין בית המקדש אַלס קרבן. עס איז די צייט פון פרילינג, ווען די גאַנצע נאַטור וואַכט אויף און באַנייט זיך מיט אויפבלי, מיט פריש לעבן, מיט שפע און פולע ברכה פון דער ערד, און יעדער דור האָט עפּעס צוגעגעבן צום יום־טוב פסח און געשאַפן אַ נייעם מנהג, אַ נייעם נאָמען, אַלס צוגאָב, נייע קשיות פאַר די קינדער צו פרעגן, און צום אַלטן „והגדת לבנך" האָט יעדער דור צוגעגעבן נייע תשובות...

ווען יידן האָבן זיך באַזעצט אין ארץ ישראל נאָך פערציק יאָר וואַנדערן אין דער מדבר, און זיינען געוואָרן פון פּאַסטוכער, ערד־אַרבעטער, האָט דער יום־טוב פסח צוגעקראָגן דעם נאָמען חג המצות. שפּעטער נאָכ'ן צווייטן חורבן איז עס געוואָרן פון אַ גרעסערער באַדייטונג — פון זמן חרותנו.

רבי עקיבא, רבי אליעזר און רבי טרפון זיינען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און דערציילט די נסים פון יציאת מצרים און האָבן געפּלאַנירט דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד קעגן די רוימער, די שווערע גזירות האָבן אויך געפירט צו דער באַשאַפונג פון דער משיח־באַוועגונג. יידן האָבן פאַרבונדן פסח מיט דעם געדאַנק פון באַפרייאונג, וואָס איז דער סימבאָל פאַר אַלע באַפרייאונגען פון פרעמדן יאָך. פסח איז אויך אַריין אין דער געשיכטע אַלס אַ סימבאָל פון בטחון, גלויבן און האָפן, פאַר אַ דערלייזונג פון אונטערדריקונג.

יציאת מצרים איז די געשיכטע פון גרעסטן שקלאַפן־רעוואָלט אין דער וועלט. עס לערנט אונדז: די גרויסקייט פון דער פיגור משה דער פירער, דערלייזער, עמאַנציפּאַטאָר און געזעצגעבער. מען דאַרף ניט פאַרגעסן אַז די שקלאַפן פון מצרים איז ניט געווען אַזוי לייכט צו אָרגאַניזירן; אויך זיינען מיטגעגאַנגען אַ המון, אַן ערב־רב, וואָס האָבן משהן אָנגעטאָן גרויסע צרות ביז ער האָט זיי געלערנט געזעצן פון דיסציפּלין און אחריות פאַר דעם כלל.

דורות־לאַנג האָט דער ייד אין אַלע זיינע צרות אין פינצטערן גלות געשעפּט מוט פון יציאַת מצרים און געגלויבט באמונה שלימה, אַז גאָט וועט זיך ווידער מרחם זיין און שיקן נייע נסים פון גאולה.

* * *

דער טעם וואָס עס ווערט דערמאָנט פיל מאָל, אַז קנעכט זיינען מיר געווען אין מצרים, ווייזן אָן די מפרשים, אַז דאָס איז אַ רמז ניט צו האָבן קיין גאווה, ניט זיך איבערצונעמען און טראַכטן: מיר זיינען אָן עם סגולה, דער „אתה בחרתנו מכל עם," דערפאַר וועט גאָט פאַרקוקן אַלע עוולות אונדזערע, אַלע קרומע מעשים און זיך פאַרגינען צו טאָן אַלדאָס שלעכטס. ווי דער נביא יחזקאל זאָגט: „הלא כבני כושים אתם לי" (איר זייט ביי מיר גליך מיט די שוואַרצע ראַסן). אויך דער נביא עמוס זאָגט: בלאָזט זיך ניט מיטן נס פון יציאת מצרים — אויך די פלישתים האָט גאָט אַרויס גענומען פון כפתור און די סיריער פון קיר." אָבער איין זאַך האָבן מיר געלערנט, אַז דער גלות איז ניט קיין אייביקע זאַך, און דער נס פון יציאת מצרים קאָן זיך ווידער איבערחזרן. דעריבער איז די תפילה — „לשנה הבאה בירושלים" און דורך דעם „למען ידעו דורותיו" האַלטן מיר אָן דעם זכרון . . .

אַ גאַר וויכטיקער טייל פון דער הגדה איז דער סדר — אַ חוץ די שיינע פּאָעטישע לידער, וואָס דערציילן און דערקלערן דעם באַטייט פון יעדער זאַך וואָס קומט פאָר ביים סדר — דער טעם פון די ארבע כוסות, דער פינפטער אליה הנביא'ס כוס, און וועגן מצה און מרור, אויך איז זייער וויכטיק די קניידלעך און די אַנדערע פסחדיקע מאכלים, ווייל די תורה זאָגט: „ושמחת בחגך" (פריי זיך מיטן יום־טוב) און „וחי בהם" (די תורה איז צום לעבן), הייסט עס, אַז די אכילה איז אַ וויכטיקער טייל. עס וועט גריילעך פאַסירן, אַז אין דער צוקונפט וועט די אכילה אָפּהיטן די ימים טובים, ווי עס זאָגט זיך אין דער גמרא ביצה: „אין בין שבת ליום טוב אלא אוכל בלבד" (דער חילוק צווישן שבת און יום־טוב איז בלויז אין עסן). די הגדה לערנט אויך ניט צו פאַרגעסן דעם וואָס איז הונגעריק: „כל דכפין ייתי וייכל (ווער עס איז הונגעריק זאָל אַריינקומען און עסן).

* * *

צום שלוס איז כדאי צו דערמאָנען דאָס לעצטע ליד פון דער הגדה: „חד גדיא" וואָס איז אַ רמז ווי אַזוי בבל האָט באַהערשט די יידן, איז שפּעטער אַליין פאַר־לענדט געוואָרן פון מלכות פרס, וואָס איז באַזיגט געוואָרן פון די גריכן, און זיי זיינען שפּעטער באַזיגט געוואָרן פון די רוימער. דאָס באַווייזט אַז ערגעץ פירט זיך אַ השגחה, אָן אויג וואָס זעט און אַ האַנט וואָס פאַרצייכנט אַלע מעשים. אונדזער דור האָט בייגעוואוינט דעם אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער אומה, און היטלערס מפּלה איז געקומען אַביסל צו שפּעט. וואָלט דער נס געשען פריער, וואָלט דער שארית הפליטה געווען אַ סך גרעסער. דאָך לויבן מיר און דאַנקען די מערכה וואָס אונדזער דור האָט זוכה געווען צו זען די אתחלתא דגאולה.

מיטן אויפקום פון דער יידישער מדינה ווינטשן מיר זיך היינט — „השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל" (דעם יאָר דאָ, איבעראַיאָר אין ארץ ישראל).

יהושע גרינהאָף

# די איינציקע רויז

(אַ האַרבסט מאָטיוו)

עם ליגן די שטענגלעך צעוואָרפן, צעפאַלן,
פון ווינט און פון שטורעם, צעשטרויערט־צעשטערט,
די ברענענדע, ברויזנדע, זוניקע שטראַלן
האָבן זייער יונג לעבן צו־פרי פאַרצערט.

דאָך איין צאַרטע רויז, נאָך, אין פעלד דעם פאַרגרויטן
פון אַלע די בלומען, שטייט שטאָלץ ניט געבויגן,
און קעמפט קעגן ווינטן, אין גאַר אַלע נויטן,
און וואָלקנס טויט־בלאַסע, זיך ציען פאַרצויגן.

אויך איך, ווי די רויז, בין געבליבן אַליין,
פאַראיינזאַמט אין שאָטן פון האַרבסטיקן וועג,
וואו בלעטער, ווי טעג וואָס פאַרוועלקן, פאַרגיין,
און פליען אַוועק צו דעם בלאָנדזשענדן ברעג.

עם ליגן די ריטלעך פאַרדאַרט און צעלאָפן,
די רויז נאָר אַליין שטייט שטאָלץ, נאָך, און וואַכט;
די בוימער אין אומעט פאַרגליווערט, פאַרשלאָפן,
פאַרכישופט אין מיסטישער ליכט פון דער נאַכט.

---

דוד אָפּאַלאָוו

## אין אָוונט

אין אָוונט איז גוט
צו זיין מיט זיך אַליין;
אין אַ פאַרטאַיעטער רגע
צו באַטראַכטן די לבנה —
די קרוין פון הימל,
און אָנטאָן אין לאַץ
די בלויע בענקשאַפט,
ווי אַ דעליקאַטע בלימל.

## שענער פון אַלץ

שענער פון אַלץ
איז די שיינקייט אַליין,
שטראַלנדיק עכט
אין איר געלעכטער קרוין;
שיינקייט, וואָס לויכט
ווי די זון אין איר ציר,
שיינקייט ווי ריטמיש
געזאַנג פון קלאַוויר.

---

שיקט אַריין אייער אבאנענטן אָפּצאָל
טוט נאָך דעם שיינעם ביישפיל פון אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע **לייענער**.

---

## די פרעמירטע שרייבער באַגריסן:

### ליבע חברים פון דער 1964 זשורי פון דעם „י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד":

איך וויל אייך האַרציק באַדאַנקען פאַרצוטיילן מיר די היי־יאָריקע פּרעמיע פון דעם „י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד" פאַר דער עסיי: „צו אַ כאַראַקטעריסטיק פון מ. ל. האַלפּערנס סטיל," אין נאָוועמבער נומער „צוקונפט". עס איז באמת געווען אַ פריידיקע איבערראַשונג. ווי וויכטיק עס זאָלן 200 דאָלער ניט זיין פאַר אַ יידישן שרייבער, איז, גלויבט מיר, נאָך וויכטיקער דאָס געפיל אַז ערגעץ־וואו לייענט מען דיך, מען וועגט און מען מעסט דיינס אַן אַרבעט און אַז מען געפינט אַז די אַרבעט איז עס ווערט, באַלוינט מען דיך מיט אַ ברייטער האַנט.

עס איז ניט שיין ביי מיינע יאָרן צו ריידן וועגן „דערמוטיקונג." די פּרעמיע איז אָבער פאַר מיר אַן אָנערקענונג און אַ באַשטעטיקונג, אַז דו וואַרפסט ניט דיין וואָרט אויפן ווינט. פרידלאַנד האָט געטאָן אַ גוטע זאַך וואָס ער האָט באַשטימט אַ פּרעמיע פאַר אַן עסיי. מאַטעס דייטש קען עדות זאָגן, אַז מען שרייבט אַן עסיי מיט דעם זעלבן געפיל ווי אַ ליד. און אַמאָל דאַרף מען זיך ביי אַן עסיי אָנהאָרע־ווען ניט ווייניקער ווי ביי אַ ראָמאַן.

באַזונדערס פרייט מיך וואָס איך האָב די פּרעמיע באַקומען פאַר אַן עסיי וועגן משה לייבן. אין אים, ווי אין זיין געבענטשטן דור בכלל, נוצנדיק מאַני לייבס אַן אויסדריק, ווי אין „ליכט פון אַ שפּיגל אויף אייביק פאַרקריצט" צו וואָס פאַר פאָעטישע הייכן מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אויף דעם פּראָזאַאישן באָדן פון אַמעריקע.

אַז מען וועט אַמאָל אונטערפירן אַ סך־הכל צו דעם וואָס מיר יידן האָבן אויפגעטאָן אין אַמעריקע וועט דאַרפן אויפן ערשטן פּלאַץ געשטעלט ווערן אונדזער וואונדערלעכע אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור, באַזונדערס די יידישע פּאָעזיע. זי, די פּאָעזיע (און די קינסטלערישע פּראָזע איז אויך פּאָעזיע), איז, אויב איר ווילט, דער אמתער „מרכז רוחני."

אין דער פּאָעזיע, וואָס משה לייב און אַנדערע יידישע דיכטער מיט אים און נאָך אים, האָבן געשאַפן אין אַמעריקע, איז קאָנצענטרירט דאָס נשמה־יתירהדיקע פון אונדזער אַמאָליק היימיש יידיש לעבן, וואָס איז אויף אייביק פאַרשניטן געוואָרן און וואָס זיין געלייטערטער זכר איז געבליבן אין יידישן קינסטלערישן וואָרט.

אויב די פּראָזע ברענגט צוריק צום שטעטלדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס האָט אויך אין זיך געהאַט גענוג ליכט און שיינקייט, ברענגט אונדז די יידישע פּאָעזיע צו פּרצ'ס „אייביקן שבת", צי ביאַליק'ס „עולם טוב שכולו חג" צו דער „נקודה" פון וואַנען עס שטראַלט אַרויס דאָס „פאַרבאָרגענע ליכט" און אויך דאָס אָפּנבאַרע ליכט, ליכט בפועל ממש.

יעדער עכטער ביטראָג, יעדע באַמיאונג דאָס ליכט אויפצוהאַלטן, דאַרף באַגריסט ווערן. איר, יידישע שרייבער און קולטור־טוער פון לאָס אַנדזשעלעס, מיט אייערע ביכער, מיט אייערע זשורנאַלן, ווי דער „חשבון", מיט אייערע קולטור קלובן, מיט אייער ליבשאַפט און טייער האַלטן דאָס יידישע וואָרט, העלפן אַז דאָס ליכט, וואָס דאַרף שוין, לויט אַלע געזעצן, צאַנקען, אויב ניט זיין אינגאַנצן אויסגעלאָשן, לייכט נאָך, אויף צו להכעיס אונדזערע שונאים, העל און שטאַרק...

אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָט מיר פאַרשאַפט, וואָס איך האָב די פּרעמיע באַקומען אין איין צייט מיט א. מ. פוקס. צווישן אים און משה לייבן איז, אַגב, פאַראַן אַ גרויסע קרובהשאַפט. צום באַדויערן האָב איך נאָך ניט באַוויזן צו לייענען די פּרעמירטע דערציילונג „דער רויטער הערש." איך בין אָבער זיכער, אַז עס איז אַ גוטע דערציילונג. פוקס איז איינער פון אונדזערע גרעסטע דערציילער. ער האָט נאָך לאַנג פאַר י. י. זינגערן אָנגעשלאָגן אַ נייעם טאָן. זיינע אַ דערציילונג נאָך אין איגנאַטאָוס שריפטן, מיט וואָסערע פופציק יאָר צוריק, איז געווען אַ שעדעווער. זיין שפּראַך, וואָס איז אידיאָמאַטיש, לאָקאַליסטיש, ווי אַרויסגענומען פון מויל פון אַ גאַליציאַנער ייִדן, איז דאָך אַן אינדיווידועלע קינסטלערישע שאַפונג. אין איר געדיכטער געוועבטקייט איז זי ווי אַ נעץ אַרויפצוברענגען וואָס מער פאָלקיש־ייִדישן לעבן פון די טיפסטע תהומען.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער מיט קינסטלערישער אָביעקטיווקייט און נאַטוראַליסטישער אויספירלעכקייט, וואָס האָט אָפט דערשראָקן, געמאָלן די פאַרוויסטונג, די שפלות, דעם דלות פון פּחד פון אַ ייִדישן ישוב אין אַ גאַליציש שטעטל. ער טוט דאָס היינט אויך, נאָך דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס האָט אויסגעליידיקט די ייִדישע שטובן אין אונדזער אַלטער היים. נאָר עפּעס האָט זיך געענדערט אין פוקסעס קונסט, עפּעס גוטס און וואונדערלעכס איז צוגעקומען צו זיין אופן פון פאָרשטעלן זאַכן.

אויב אין פוקסעס אַמאָליקע דערציילונגען איז אויפן ערשטן פּלאַן געשטאַנען דאָס ברוטאַלע, דאָס גראָטעסקע — שטייט אין זיינע נייע דערציילונגען אויפן ערשטן אָרט ייִדישע לעבנס־פאַרוואָרצלטקייט, דער כוח אַלץ גובר צו זיין, דער לא אָמות כי אחיה, גבורה וואָס ווערט זיך קעגן גוישער רציחה. די שפּראַך אין די דאָזיקע דערציילונגען איז אַזוי פאַרוואַקסן מיט ייִדישן לעבנס־שטייגער, אַזוי אינטעגרירט מיטן סיפור המעשה, אַזוי פאָלקלאַנגיק און פלאַסטיש, אַז שוין בלויז דאָס לשון אַליין איז אַן אָפּבילד און אַן אויסדרוק פון דער גבורה וואָס ווערט געשילדערט.

איך האָב באַזונדערס אין זינען פוקסעס אַ פריערדיק פּרעמירטע דערציילונג מיטן נאָמען „דער אַלטער וואָלף". אין דער דערציילונג ווערט געשילדערט ווי אַ ייִדישער זעלנער, וואָס האָט זיך אַקאָרשט צוריקגעקערט פון פראָנט, דערשטיקט אַ וואָלף פאַר די אויגן פון אַן עדה דערשטוינטע און געפּלעפטע גוים. עפּעס אַזוי דאָ אין דעם בחור פון אַ הײנטצייטיקן שמשון הגיבור, וואָס ווייזט די פּלישתים ווער ס'איז עלטער. ניט צו איבערטרייבן, נאָר איך זע אין דעם הײנטיקן פוקסן אַ טענדענץ צו מיטאָב און עפּאָס.

אַנטשולדיקט, טייערע חברים, וואָס איך האָב זיך פאַררעדט. איך בין בלויז אויסן געווען אויסצודריקן מיין געפיל פון פאַרערונג פאַר דעם קינסטלער מיט וועמען אַ גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט איך זאָל באַקומען צוזאַמען די הייאָריקע פּרעמיע פון דעם „י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד."

נאָך אַמאָל אַ דאַנק און אַ גרוס מיין טייערן חבר, דעם חסידיש־באַגייסטערטן און שעפערישן מאַטעס דייטש; דער אינטעלעקטועל־ראַפינירטער מלכה חפץ טוזמאַן; על כולם, דעם אָרענטלעכן דערציילער, י. פרידלאַנד, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט אַ פּרעמיע פאַר א י י ן יעסיי. אַ האַרציקן גרוס דעם עולם, וואָס איז געקומען צום היינטיקן אָוונט.

**א. טאַבאַטשניק**

## צום י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד:

זייער חשובע, טייערע פריינד און קאָלעגן־שרייבער: י. פרידלאַנד, מלכה טוזמאַן און מאַטעס דייטש — שלום וברכה!

איך האָב באַקומען אייער בריוו פון 29טן דעצעמבער פ״י.

איך בין זייער גערירט פון דעם כבוד און אַנערקענונג וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט מיט דער חשיבות פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור פריז, פאַר מיין דערציילונג: „דער רוּטער הערש״ אין דער „גאָלדענע קייט״ נומער 50. איך גיב אייך מיין בעסטן דאַנק פאַר דער קאָלעגיאַלער באַציאונג און איך פאַרזיכער אייך, אַז עס איז ביי מיר אַ געפיל פון פרייד און אַ גייסט דערהויבונג צו זיין אין ליטעראַרישער פאַרבינדונג מיט די קאָלעגן יידישע שרייבער און דיכטער פון דעם שרייבער־קרייז אין לאָס אַנדזשעלעס. מיר זיינען אַלע מיטגלידער פון איין גייסט־מישפחה פון דעם יידיש־לאַנד, פון אַלע לענדער, פונעם יידישן וואָרט און זיין הערלעכן שאַפונגס־אויסדרוק — די יידישע פאָלקס־ליטעראַטור.

היינט, מער ווי תמיד, דאַרפן מיר האַלטן די יידישע ליטעראַטור און אירע שרייבער אומעטום בכבוד, מיט געטריישאַפט און מיט ליבשאַפט, און ניט אַנדערש.

טייערע פריינד און קאָלעגן שרייבער. די יידישע ליטעראַטור נאָך דער חורבן צייט האָט נישט געקאָנט פאַרהיילן די וואונדן פונעם בראָך פון פאָלק, פון אירע לייענער, פון אירע גייסט־שאַפער, די דיכטער און שרייבער. זי איז נאָך אַלץ, אין אונדזערע טעג, אין אַ צושטאַנד פון קלעם און באַדרעגענישן, סיי פון אויסערלעכע פאַקטאָרן און סיי פון אינערלעכע אומווערדיקייטן און פאַלש־קייטן. גייסט־כוחות פון יונגערן דור ווערן געשוואַכט, אידעאַליזם ווערט געבראָכן, פאַרשטויסן.

גרויסע דיכטער און שרייבער האָבן געשאַפן די יידישע ליטעראַטור מיט העראָאישע גייסט־קראַפטן פון זייערע טאַלאַנטן, מיט אַ קולטור־וועלטלעכער אַרטיסטיק אין דער פאָרם פון פאָעטישע און פראָזע־ווערק, מיט אַ ליבהאַרציקער הומאַנער און מאָראַלישער פאָלקסטימלעכקייט אין דער טעמאַטיק פונעם שטייגער לעבן פון יידישן פאָלקס־מענטשן מיט געפיל און כאַראַקטער, מיט בילד און געשטאַלט פון ראַנגלענישן מיט שווערקייטן פון לעבן און באַשטימונגען און שטרעבונגען פון אידעאַלן.

האָבן מיר אַן אינערלעכע פאָדערונג אָפצוהיטן די גייסטווערטן פון דער יידישער ליטעראַטור אויף אַלע אירע געביטן: די פאָעטישע און פראָזע שאַפונגען, קריטיק און פובליציסטיק און יעדן יידיש־קולטורעלן אויסדרוק פון אייגנקייט און לעבנס־דערשיינונגען.

עס מיינט אַן ערלעכע, פאָזיטיווע און חשובע גייסט־באַציאונג צו זיך זעלבסט, צום יידישן פאָלקס־מענטש און צו דער קולטור־וועלט. ווייל אין די שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור איז באַגרינדעט דער גייסט־עלעמענט פון אוני־ווערזאַלקייט.

מיט כבוד און די בעסטע גרוסן, גאָר פריינדלעך.

אייער— **א. מ. פוקס**

י. פאַנער

# אַן אויסטערלישער טוריסט

## (פאַר ווילי שאַר, צו זיין ווערן אַ בן־שמונים)

— אַן אויסטערלישער? מיט וואָס, אַ שטייגער?

קודם־כל דערמיט: קומט אַ ייד צוגאַסט קיין ישראל און האָט אפילו נישט קיין צייט זיך רעכט אָנצוקוקן דאָס לאַנד. אַזויפיל „ביזנעס" האָט ער דאָ צו דער־ליידיקן.

— אינוועסטירט ער ביי אונדז קאַפּיטאַל? אין וואָס? אין אַ פאַבריק? אין אַ האָטעל?

— ניין, אין ביכער.

— ער עפנט אַ ביכער־געשעפט?

— ניין, ער' גיט אַרויס ביכער.

— אַ שרייבער?

— נישט קיין שרייבער, נאָר אַן אַרויסגעבער פון ביכער.

— אַ פאַרלעגער?

— אויך נישט. ער באַצאָלט נאָך דעם פאַרלאַג געלט אויף אַרויסצוגעבן ביכער, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן...

— וואָס־זשע האָט ער דערפון ?

— עולם הבא.

— אויב אַזוי, איז ער דאָך, לא עליכם, נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען...

— ניין, קיין „באַרמאַלער" מענטש איז ער נישט. ער איז אײנער פון טויזנ־טער — וואָס זאָג איך — פון הונדערטער טויזנטער — וואָס איז באַפאַלן פון אַזאַ „גייסטיקער קרענק"...

זיין הויז אין לאָס אַנדזשעלעס איז תמיד געווען אַ מין איינפאָר־הויז פאַר יידישע שרייבער, קולטור־טוער, שליחים פון פאַרשידענע קולטור־אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס קומען אַהין פון אַלע עקן וועלט. ווילי שאַר ווערט תמיד דער הויפּט־שותף צו פאַרשידענע „געשעפטן", וואָס ווערן אין זיין הויז געשלאָסן.. אין ווילי שאָרס רייכער יידישער ביבליאָטעק זיינען פאַראַן נישט ווייניק יידישע ביכער, וועמענס מחברים דריקן אים אויס זייער דאַנק „פאַר דערמעגלעכן, אַז דאָס בוך זאָל קאָנען דערשיינען."..

אָט זיינען אייניקע פון די לעצטע „געשעפטן" וואָס ווילי שאַר האָט געשלאָסן:

1. אין ניו־יאָרק וועט בקרוב דערשיינען (אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב גלאַטשטיין, ש. מאַרגאָשעס און פּראָפ' נאַקס) אַן אַנטאָלאָגיע אין דער ענגלישער שפּראַך פון די בעסטע יידישע פּראָזע־זאַכן פון דער חורבן־ליטעראַטור.

2. אין פאַרלאַג „דער קוואַל" דערשיינט בקרוב אַ באַנד פון איציק מאַנגערס לעצטע לידער.

3. איך ישראל, אין פּרץ פאַרלאַג, איז אַריין אין דרוק אַ בוך פון משה נאַדירס נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע זאַכן.

4. אַ בוך פון לאַמעד שאַפּיראָ און אַ בוך פון ש. מילער — ביידע אין העברעאישער איבערזעצונג — וועלן בקרוב דערשיינען אויך דאָרט.

וויפיל ער וועט ביי די דאָזיקע נייע „געשעפטן" „פאַרדינען" קאָן מען לייכט

## „פ-ע-ן"-קלוב אין לאָס אַנגעלעס באַנייט זיין אַקטיוויטעט

זונטיק אָוונט, דעם 7טן פעברואַר, האָט דער היגער פּע"ן געווידמעט אַן אָוונט פון יידישער דיכטונג דער דיכטערין פעסיע פּאַמעראַנץ, וועלכע איז געווען צוגאַסט אין ל. א. ס'האָבן אויפגעטראָטן דיכטער מיט לייענען פון זייערע אייגענע און אויך דעם גאַסטס לידער: פּינטשע בערמאַן, ברכה קודלי, ז. בוניו, שמואל טויביס; און מאַטעס דייטש, מיט אַן אַריינפיר צו פעסיעס לידער. דער גאַסט האָט געלייענט אַ ציקל לידער. דער אָוונט איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאַנד, וועלכער האָט צום סוף וואַרעם באַדאַנקט דעם פיינעם מכניס־אורח, ווילי שאַר, און אים באַגריסט צו זיין צוריקקער פון ישראל און אויך צו זיין ווערן אַ בן־שמונים — עד מאה ועשרים.

דער אָוונט האָט איבערגעלאָזט אַ ביז גאַר וואַרעמען איינדרוק.

## ליטעראַטור פּרעמיעס

אַלף כץ, י. פּאַפּערניקאָוו און צבי שאַרפשטיין האָבן געוואונען די צבי קעסל פּרעמיעס. די דערמאָנטע דיכטער האָבן באַקומען די פּרעמיעס פאַר יידישער און העברעאישער ליטעראַטור פאַר 1964. יעדע פּרעמיע באַטרעפט 400 דאָלער.

א. טאַבאַטשניק און א. מ. פוקס האָבן געוואונען די י. פרידלאַנד ליט. פּרעמיעס פאַרן יאָר 1964. טאַבאַטשניק — פאַר זיין עסיי אין דעם נאָוו. נומער „צוקונפט", און פוקס — פאַר זיין דערציילונג אין נומער 50 „גאָלדענע קייט".

## באַוואוסטער דיכטער, בעריש וויינשטיין, געוואָרן אַ בן־שישים

צו בעריש וויינשטיינס 60 יאָריקער דאַטע זיינען לעצטנס, דורך דעם ציק"אָ פאַרלאַג, בשותפות מיטן „מנורה" פאַרלאַג, דערשינען זיין ניי בוך „באַשערטע לידער", ווי אויך די „האָמעריאַדע" פּאָעמע (העברעאיש און יידיש)ביים י. ל. פּרץ פאַרלאַג.

אין פאַרבינדונג מיט דעם 60 יאָריקן יובל פון דיכטער, ווערט איצט געגרייט, אונטער דער רעדאַקציע פון דב סדן און משה שטאַרקמאַן, אַ ספּעציעל זאַמלבוך, געווידמעט בעריש וויינשטיינס לעבן און שאַפן.

ד"ר חיים ראַטבלאַט בוך־קאָמיטעט אין ל. א. מאַכט באַקאַנט, אַז בקרוב וועט דערשיינען ד"ר ראַטבלאַטס אַ בוך א"נ: „פון אונדזערע לעבעדיקע קוואַלן." באַשטעלונגען קענען געמאַכט ווערן ביים קאַסירער פון קאָמיטעט, אַלעקס ראַבין — טעלעפאָן: 654-0224.

---

אויסרעכענען... און לויט די אַמעריקאַנער באַגריפן איז ווילי שאַר זייער ווייט פון צו זיין אַ גביר.

איז גוט וואָס אין אונדזער רעאַלער, ניכטערער און אַזוי „קלוגער" וועלט געפינען זיך נאָך אויך עטלעכע „נאַראָנים" פון דעם טיפּ ווילי שאַר.

(„פּאַלקבלאַט", ישראל, נאָוועמבער. 1964)

# עקסטרעמיסטישע קוריאָזן

דער שרייבער ק. כּצנלסון, פון ישראל, איז אַ מייסטער אויף זשאָנגלירן מיט אַבסורדאַלע מאמרים, אַז דאָס קערנדיקע פון זיין שאַפן ווערט פאַרטונקלט און דערטרונקען אין אַ ים פון נישטיקייטן. י. ראַפּאָפּאָרט, דער באַוואוסטער שרייבער־שטעלער און קריטיקער ברענגט אַ קריטישן אַנאַליז פון אַ ניי בוך פון כּצנלסון: „המהפכה האשכנזית" (אין דאָס „פרייע וואָרט" אין בוענאָס איירעס).

מיר דערלויבן זיך צו ברענגען דאָ בלויז עטלעכע פון אַ סך ציטירטע כּצנלסונס מאמרים פון י. ר. אַנאַליז. דאָס וועט אונדז געבן אַ גענוגענדן באַגריף פון כּצנלסונס שטויסערייען:

„עס איז קיין ספק ניט — זאָגט כּצנלסון, אַז גערעכט זיינען גיכער די אַנטי־סעמיטן, וואָס טענהן, אַז מיר זיינען וועלט־דעראָבערער, ווי די פאַרשידענע יידישע פאַרשטייער, וואָס טענהן, אַז מיר זיינען וועלט באַ'עול'טע."

„די יידישע השפּעה אין שפּאַניע איז געווען זייער גרויס. עס איז דאָ אַ באַגרינדעטער איינדרוק, אַז דער גירוש־ספרד איז אַרויסגערופן געוואָרן צוליב דער מורא פון דער קירך, אַז יידן וועלן אָנוואַרפן זייער הערשאַפט איבער דער מאַס און זיי וועלן זיך באַנוצן מיט דער שפּאַנישער עקספּאַנסיע ווי מיט אַ מיטל צו באַהערשן די וועלט."

„דיזראַעלי האָט געוואָלט הערשן איבער דער וועלט דורך די ענגלענדער."

„קאַרל מאַרקס האָט געוואָלט אַרויפצווינגען אויף דער וועלט זיינע געדאַנקען דורך דייטשלאַנדס וועלט־באַהערשונג."

„לעאָן טראָצקי דער גרעסטער יידישער קאָמוניסט פון רוסלאַנד, האָט געוואָלט באַהערשן די וועלט דורך הינטערוועגן, דאָס באַנוצן זיך מיט אַן אַנדער פאָלק ווי מיט אַ געצייג דערצו, איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יידישן פאָלק זייט דעם סוף פון דער תקופה פון בית־שני און ווייטער..."

י. ראַפּאָפּאָרט קומט צו דער מסקנא מיט די באַמערקונגען:

„כּצנלסון'ס בוך איז נישט נאָר לעכערלעך, נאָר אויך סקאַנדאַליעז, ווייל ער קאָן אונדז ברענגען נישט ווייניק שאָדן, ווי די פאַלש־איבערגעזעצטע תלמוד־ציטאַטן דורך געוויסע משומדים.

„ווען די סאָציאָלאָגיע און די פּסיכאָלאָגיע וואָלטן נישט געווען אַזוי אָנפּאַנגעריש ווי זיי זיינען, וואָלט בויטיק געווען אַ שטודיע, כּדי קלאָר צו מאַכן וואָס עס איז געשען מיטן יידישן מוח אויפן אָנפאַנג וועג פון אומאָפּהענגיקן מלוכה־לעבן, וואָס האָט דערפירט צו עפּעס אַ משונהדיקן קורצשלוס אין דער פּסיכיק פון אַזוי פיל פּעאיקע יונגעלייט אין ישראל און האָט אַזוי פאַרקריפּלט זייער אויפנעמען און זייער אורטיילן...

„איך וויל נאָר צום סוף פרעגן מיט מיין גאַנצן ערנסט: צו וואָס דאַרפן גויים פעלשן די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", אַז זיי קאָנען ברענגען גרויסע אויטענטישע ציטאַטן פון כּצנלסונס בוך און האָבן אַ כּשרן יידישן עדות פאַר זייערע בבא־משעיות?"

---

**אין קומענדיקן נומער „חשבון" קומען אַריין: הערץ בערגנער, שמעון וואוזיק, מענקע קאַץ, און אַנדערע.**

## וועגן שרייבערס אָן „מעטריקעס“

אין זיינע „שטריכן“ פּ.אָ.ש. פון סעפּט. 1 פ״י, שרייבט ב. ריינוס צווישן אַנדערן דאָס פאָלגנדיקע:

„פאַראַן לידער, וואו אויב זיי וואָלטן ניט געהאַט אויף זיך דעם נאָמען פון אַ באַרימטן פּאָעט, וואָלטן מען זיי פּשוט ניט געדרוקט; און פאַראַן גוטע לידער, וואָס דערזען ניט די ליכטיקע שיין, ווייל זייער מחבר האָט ניט קיין באַרימטן נאָמען. דאָס אַלץ צוליב דער נאָכגעשלעפּטער „מעטריקע.“

עס וואָלט נאַטירלעך געווען אַן אידעאַלער מצב, ווען פאַרן קריטיקער זאָלן אַלע שרייבערס זיין אָן „מעטריקעס“. היות דאָס איז דאָך אָבער לחלוטין ניט מעגליך, מוז די קריטיק ווידער איבערגעלאָזן ווערן צום געוויסן פון קרי־טיקער, און ווי עס האָט שוין געטראָפן און וועט נאָך ווייטער טרעפן, קען די „מעטריקע“ אַמאָל זיין שטאַרקער פאַרן געוויסן.

ווען ניט די „מעטריקע“ וואָלטן ניט אַלע אונדזערע שרייבערישע „עליונים“ געווען תמיד „למעלה“, און טייל שריפטשטעלערישע „תחתונים“ וואָלטן נישט תמיד געווען „למטה“...

ס'איז פאַראַן אין דעם מאמר: „מערער אמת ווי דיכטונג.“

---

„דיכטער און דיכטונג“ פון א. טאַבאַטשניק דערשינען. דאָס בוך האָט איבער 500 זייטן און אַנטהאַלט אַ צאָל קריטישע עסייען, וואָס נעמט אַרום אַ וויכטיקן טייל פון דער יידישער דיכטערישער שאַפונג, בעיקר אין אַמעריקע. דאָס בוך קען מען באַקומען ביי: פרידאַ טאַבאַטשניק, 266 אי. בראָדוויי, ניויאָרק 2.

---

ווילי שאָר וויל דאָ אויסדריקן זיין האַרציקן דאַנק צום „חשבון“ און צו אַלע גוטע פריינט זיינע, וואָס האָבן אים באַגריסט אויף די שפּאַלטן פון לעצטן נומער „חשבון“—צו זיין ווערן אַ בן־שמונים.

---

## חבל על דאבדין ולא משתכחין!

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ: איז נפטר געוואָרן צו 63 יאָר. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער שרייבער און ליטעראַטור פאָרשער. זיין לעצט ווערק: „די סאָוועטישע הרוגי מלכות“, האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען אין דער גאָרער יידישער וועלט. כבוד זיין לויטערן אָנדענק.

---

כאַווער־פּאַוווער (גרשון אייזנבינדער): באַוואוסטער בעלעטריסט, איז געשטאָרבן צו 64 יאָר. ער איז געווען אַ לאַנג־יאָריקער תושב אין לאָס אַנגעלעס. זיינע מערסטע ווערק זיינען דערשינען דאָ, מיט דער הילף פון די ליבקע הברים. כבוד זיין אָנדענקען.

---

מיט גרויס צער דערמאָנען מיר דאָ אויף דעם גרויסן פאַרלוסט פון אונדזער חשובן חבר, מיטגליד פון קולטור־קלוב און נאַציאָנאַלער באַוועגונג — אהרן אייעראָוו ע״ה. אונדזער טרייסט צו חברה גאָסי אייעראָוו און גאַנצער משפחה, זיי זאָלן מער פון קיין צער ניט וויסן. (רעד. „חשבון“).

א. באַביטש

# פעדער־שפּריצן

תורה און גדולה קען נאַר האָבן דער, וועלכער זוכט די תורה, און ניט די גדולה.

* * *

כאָטש דער בורא עולם איז אומעטום, פונדעסטוועגן קען מען אים ניט געפינען ווען מען זוכט אים ניט ריכטיק.

* * *

ווען איינער וויל פאַרשטיין דעם בורא'ס מעשים, איז אַ סימן אַז ער מיינט, אַז זיך אַליין פאַרשטייט ער שוין.

* * *

זאָג ניט אָפּ אַ גוטן אָנבאָט, סיידן דו האָסט אַ בעסערן אין דער זעלבער צייט.

לאַכן קען מען אָן אַ פּאַספּאָרט און אָן וויזעס; געלעכטער פאַרטרייבט דעם גרעסטן קריזיס.

* * *

אַ סאָוועטישער לערער פרעגט אַ תלמיד, וואָס ער ווייסט וועגן אַמעריקע.

— אַלע אַרבעטער זיינען דאָרט אַרבעטסלאָז —ענטפערט באַלד דער שילער.

— צו עסן האָבן נאָר די קאַפּיטאַליסטן. טאָג־טעגלעך קומען דאָרט פאָר לינטש־געריכטן איבער נעגערס. קיינער איז דאָרט נישט גליקלעך.

— און וואָס ווייסטו וועגן ראַטן־פאַרבאַנד?

— אַלע ביי אונז אַרבעטן; די רעגירונג באַזאָרגט אַלעמען; אַלע זיינען גליקלעך.

— און וואָס איז די לאָזונג פון דער פּאַרטיי?

— מיר מוזן דעריאָגן און איבעריאָגן אַמעריקע...

* * *

אַ קלוגער מאַן קויפט דער ווייב אַזעלכע פיינע טעלער, אַז זי וועט אים נישט געטרויען צו וואַשן דאָס געשיר.

* * *

זאָגט איינער אַז דו ביסט ז'ער קליגסטער און דער בעסטער מענטש — האָב כאָטש געגוג שכל צו פאַרשטיין דעם שפּאַס.

* * *

נאַרישקייטן איז גאָר ניט אַזאַ ביליקער אַרטיקל ווי מאַנכע דענקען — גאַנץ אָפט באַצאָלן מיר זייער טייער פאַר דעם.

* * *

דער גרעסטער נאַר איז דער, וואָס מיינט אַז ער נאַרט די וועלט.

* * *

טו גוטס דיין שונא; מעגלעך ער וועט אַמאָל ווערן דיין פריינט.

* * *

די פאַרגאַנגענהייט איז אַוועק; די צוקונפט איז נאָך ניט געקומען; די קעגנוואַרט — וואו איז זי?

* * *

די גרעסטע איבלען פון דער וועלט נעמען זיך דערפון, וואָס איינער פאַר־כאַפּט און דער צווייטער לאָזט עס צו... (זשאַן זשאַק רוסאָ).

**א. כראַבאַלאָווסקי**

# קולטור־כראָניק

## דער יום־טוב פון פאַרטיילן די י. פרידלאַנד פרעמיע אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב

צווישן אַלע מוזיקאַלישע און קולטור־אָוונטן, וואָס קומען פאָר וועכנטלעך אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב, אין דער קולטור־אָוונט צו פאַרטיילן די פרידלאַנד פרעמיע שטענדיק דער יום־טובדיקסטער. געווייינלעך מיידן אויס אַ טייל מענטשן ריין ליטעראַרישע אָוונטן אָבער צו דעם אָוונט איז דער זאַל פון קולטור־קלוב געווען איבערפולט און דער עולם האָט מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען יעדע אַרויס־טרעטונג פון די אנטיילנעמער. בכלל איז דער יום־טוב געווען אַ זייער געלונגענער.

געעפנט און אָנגעפירט מיטן אָוונט האָט דער דיכטער פינטשע בערמאַן און ער האָט באַצייכנט דעם יום־טוב ווי אַ שמחה פון יידישן וואָרט. צווישן אַנ־דערן האָט ער באַמערקט, אַז דער יידישער שרייבער גיט אַרויס זיינע ווערק מיט זיינע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס; ער דאַרף זיין זיין אייגענער אַרויסגעבער און אייגענער פאַרקויפער פון זיין בוך, אָבער ער פרעגט קיינמאָל ניט „למה אני עמל" (פאַר וועמען שרייב איך)? זיין איינציקער באַגער איז אויפצוהאַלטן די ירושה פון דורות און נישט לאָזן פאַרשטומט ווערן דאָס יידישע וואָרט. מיט די קרבנות, וואָס דער יידישער שרייבער ברענגט אַרויסצוגעבן זיין בוך, שרייבן זיין דערציילונג אָדער עסיי, דריקט ער אויס די ליבע צו אונדזער יידישן לשון, וועלכע קיין שום פעסימיזם, קיין שום אַסימילאַציע־שטראָמען קענען נישט מינערן. דעריבער זיינען די פרעמיעס וואָס ווערן פאַרטיילט פאַר די בעסטע ביכער, אין דעם פאַל — פאַר דער בעסטער דערציילונג אָדער עסיי — אַ גרויסע קאָמפּענסאַציע און דערמונטערונג פאַרן יידישן שרייבער.

צום סוף באַגריסט דער פאָרזיצער דעם אמתן יובילאַר פון הייַנטיקן אָוונט, פריינט י. פרידלאַנד, פאַר זיין באַשטימען און פאַרטיילן די פרעמיעס און ווינטשט אים נאָך אַ סך יאָרן מיט גוטן געזונט, ווייטער צו האָבן די זכיה אויסצוטיילן די פרעמיעס.

אין דער זשורי, וואָס האָט אויסגעקליבן די פרעמירטע דערציילונגען און עסייען, זיינען געווען: דער דיכטער מאַטעס דייטש, די דיכטערין מלכה טוזמאַן, און י. פרידלאַנד. עס זיינען דאָס יאָר פאַרטיילט געוואָרן די פרעמיעס צו 200 דאָלער יעדן: פאַר דער דערציילונג פון א. מ. פוקס אין ישראל, פאַרעפנטלעכט אין דער „גאָלדענער קייט" א"נ „דער רויטער הירש." די פרעמיע פאַר אַן עסיי איז צוגעטיילט געוואָרן דעם שריפטשטעלער און דיכטער, אברהם טאַבאַטשניק, פאַר זיין עסיי אין נאָוועמבער נומער „צוקונפט" וועגן דער פּאָעזיע פון משה לייב האַלפּערן ע"ה.

דער מוזיקער שענאַן געלסין לייטעט איין דעם אָוונט צום ערשטן מיט פעליקס מענדעלסאָנס קלאַסישער מוזיק, דערנאָך שפּילט ער אַ פּאָרפּורי פון פּאָפּולערע יידישע פאָלקס־ניגונים, וואָס אַ סך פון זיי ווערן אָפט געזונגען בציבור אין קולטור־קלוב. דער עולם זינגט מיט, און דער מוזיקער ווערט באַלוינט מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

דער בינע קינסטלער, אליהו טענענהאָלץ, לייענט פאַר צוגרשט די צושריפט פון פרעמירטן, אַברהם טאַבאַטשניק; שפּעטער, די צושריפט און דאַנקזאָגונג פון פרעמירטן א. מ. פוקס פון ישראל.

מלכה טוזמאַן, איינע פון דער זשורי, לייענט פאַר איר עסיי וועגן דער דערציילונג „דער רויטער הירש" און מאָטיווירט די סיבות פאַרוואָס די עסיי איז אויסגעקליבן געוואָרן צווישן אַ גרויסער צאָל אַנדערע טאַלאַנטירטע דערציילונגען.

מאַטעס דייטש, וועלכער איז פריערדיקן יאָר אַליין פרעמירט געוואָרן פאַר זיין עסיי וועגן יעקב גלאַטשטיין, רעדט וועגן אַברהם טאַבאַטשניקס עסיי.

עס ווערט פאַרגעלייענט די באַגריסונג פון יידישן „פען"-צענטער אין ניו-יאָרק צום יום-טוב פון פאַרטיילן די פרעמיעס.

אין נאָמען פון ל. א. יידישן קולטור-קלוב באַגריסט דעם פּריינט י. פרידלאַנד תנחום ברייס. צוו"א טרעפט ער אָן אין פּינטל, ווען ער זאָגט, אַז אין לאָס אַנדזשעלעס געפינען זיך אַ סך גרעסערע גבירים פון י. פרידלאַנד און עס וואָלט שוין צייט געווען זיי זאָלן עפענען זייערע הערצער און געלט-טאַשן, צו זאַמלען אַ פאָנד פון ניט נאָר פאַר פרעמיעס, נאָר אויך אַרויסצוגעבן אין יידיש וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס פעלט אין דער יידישער ליטעראַטור.

צווישן די באַקאַנטמאַכונגען, וואָס דער פאָרזיצער לייענט פאַר וועגן די קומענדיקע קולטור-אָוונטן אין קולטור-קלוב, ווערט אויך דערמאָנט, אַז שבת אָוונט, דעם 6טן מערץ, קומט פאָר אין קולטור-קלוב דער פייערלעכער אָוונט לכבוד י. פרידלאַנד צו זיין 50 יאָריקער שריפטשטעלישער טעטיקייט און 25 יאָר ווי אַ פאָרזיצער און אָנפירער פון קולטור-קלוב.

צום סוף האָט גערעדט פריינט י. פרידלאַנד. ער האָט אויסגערעכנט די אַלע וואָס האָבן ביז איצט באַקומען די פרעמיעס און אונטערשטראָכן, אַז זיין באַשלוס, איינע פון די פרעמיעס זאָל געגעבן ווערן פאַר אַ שריפטשטעלער אין ישראל, האָט דעם ציל לעבעדיק צו פאַרבינדן די יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע מיט די שרייבער פון ישראל, ווייל צוזאַמען שאַפן מיר איין יידישע קולטור, וואָס נעמט אַריין מדינת ישראל און אַלע וועלט-טיילן און פאַרבינדט זיי אין איין רינג. דערמיט האָט זיך דער פייערלעכער אָוונט געענדיקט.

## דאָס דריטע בוך פון שרה דזשאַקלין האַמער: „שטאָט און שטעטל"

שרה דזשאַקלין האַמער איז ניט קיין פּנים חדשות אין אונדזער לאָס אַנדזשעלעס. זי איז אָן אָפטער גאַסט ביי אונדז אין האָט דאָ אַ סך פריינט און לאַנדסלייט. זי ווערט צו אונדז נענטער, ווען מיר לייענען אויף איינע פון די ערשטע זייטלעך פון בוך דאָס וויטערדיקע: „אין לכטבקן אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכער פריינדין ל י ז אַ ש אַ ר," דער אָנדענק פון איינע פון די ליבסטע געשטאַלטן וואָס איז ביז איצט פאַרערט פון די אַלע וואָס האָבן איר געקענט.

אין „פאָרווערטס" פון 22טן נאָוועמבער האָט מאַרק שוויד פאַרעפנטלעכט אַן אָפּשאַצונג פון איר דריטן בוך א"ב „קינסטלערישע שילדערונגען פון אַלטן יידישן לעבן." מיר וועלן זיך באַנוגענען נאָר מיט דעם, וואָס דער מחבר שרייבט וועגן איין שילדערונג פון די מער ווי צוואַנציק דערציילונגען אין בוך.

מאַרק שוויד הייבט אָן זיין אָפּשאַצונג מיט די וויטערדיקע שורות: „שרה דזשאַקלין האַמער, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט שילדערונגען פון דעם טראַדיציאָ-

נעלן יידישן לעבן, האָט שוין פון אַ צייט זיך איינגעלעבט אין דער סביבה פון שאָפּערישע טאַלאַנטן, וועלכע פאַרדינען פאַררעכנט צו ווערן צווישן אונדזערע בעסטע שרײַבער־שטעלער."

וועגן דער פריער דערמאָנטער שילדערונג: "אַ חתונה אין פשעדבאָזש" שרײַבט מאַרק שווייד:

"די שילדערונג פון דער חתונה איז פול מיט די קלאַנגען און קאָלירן פון אַ יידישער חתונה אין פוילן, ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיכרון פון דער שרייבערין. זי איז סך־הכל אַלט געווען אַרום 12־10 יאָר, ווען זי האָט פאַרלאָזט איר היים־שטאָט נאָווא ראַדאָמסק און מיט דער פאַמיליע געקומען קיין אַמעריקע. (א. כ.). ווייטער:

"איר פאָלקסטימלעכער סטיל איז רייכפאַרביק אין אירע שילדערונגען. ווי עס איז צו זען פון דעם אופן ווי זי שילדערט די אַלטע שול, וואָס איר גלייכן איז נישטאָ (נישט געווען, ליידער—א.כ.) מיט אירע קינסטלערישע שניצערייען און אויסקאַרווירטן סופיטן."

כמעט דאָס זעלביקע האָבן געשריבן אַ סך קריטיקער אין פאַרשידענע צייטשריפטן.

---

## באַריכט פון דעם י. פרידלאַנד יובל פייערונג

שבת אָוונט, דעם 6טן מערץ, 1965 איז געפייערט געוואָרן דער יובל פון דעם שרייבשטעלער און רעדאַקטאָר פון דעם פערטל־יאָר שריפט "חשבון" אין לאָס אַנגעלעס. ס'איז געווען אַ טאָפּלטער יום־טוב: 50 יאָר קולטורעלע און שריפט־שטעלערישע טעטיקייט פון י. פרידלאַנד, און 25 יאָר ווי ער טראָגט מיט חשיבות דעם אַמט פון פאָרזיצער אין דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב. געעפנט די פייערונג האָט ש. צוקערמאַן, פאָרזיצער פון אַראַנזשיר קאָמיטעט.

ביי אַן איבערגעפּאַקטן עולם פון איבער 300, איז אונטערן פאָרזיץ פון דעם שוישפּילער, אליהו טענענהאָלץ, דורכגעפירט געוואָרן די פייערונג. ס'האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פּראָגראַם פון אָוונט: קאַנטאָר הערשל גרין, מיט געזאַנג פון פרידלאַנדס לידער, מוזיק פון גרין; דער באַוואוסטער פידל־ווירטואָז, אַלבערט סטוירן, האָט פאָרגעטראָגן קלאַסישע און יידישע קאָמפּאָזיציעס; פייגעלע פאַניק, די באַליבטע באַלאַדיסטין, האָט פאָרגעטראָגן יידישע פאָלקס־לידער, באַגלייט פון שענאַן געלסין; דער שרייבשטעלער, ה. לאַנג, האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון פרידלאַנדס ליטעראַרישן שאַפן; מאַטעס דייטש, דיכטער־עסייאיסט, האָט באַגריסט דעם יובילאַר אין נאָמען פון "חשבון" און "פען" און האָט באַמערקט צווישן אַנדערן, אַז דער יובל איז אַרויס פון דעם גדר פון לאָס אַנגעלעס. ס'זיינען אָנגעקומען באַגריסונגען פון שרייבער פון ניו־יאָרק, פון אויסטראַליע, פון ישראל, פון קאַנאַדע, פון מעקסיקע א"א. מען האָט אויך געלייענט שריפטלעכע באַגריסונגען און אויסגעהערט באַגריסונגען פון פאַרטרעטער פון קולטור אָרגאַניזאַציעס, פאַרבאַנד קאָונסיל, אַרבעטער רינג דיסטריקט קאָמיטעט, פּרץ הירשביין צווייג און אַרב. רינג צווייג 413, וואו דער בעל־היובל איז אַ מיטגליד. טעלעגראַמעס פון יחידים און פון דירעקטאָר פון נאַציאָנאַל־פאָנד א"א.

אַרום און אַרום איז עס באמת געווען אַ גרויסער, איינדרוקספולער קולטור יום־טוב פון דעם גרויסן יידישן קולטור סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס.

# אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין רעדאַקציע

**ראַשעל וועפּרינסקי: די פּאַליטרע**
לידער, י. ל. פּרץ פאַרלאַג 1964 די זאַמלונג איז אַן אָפּקלייב פון לידער געשריבן זינט 1919-1963.

* * *

**ב. אַלקוויט-בלום : לידער**
ציקאָ פאַרלאַג, 1964. דאָס איז דאָס גאַנצע פּאָעטישע פאַרמעגן וואָס דער באַדייטנדיקער דיכטער - דערציילער האָט צמצומדיק איבערגעלאָזט. זיין אייגנאַרטיקייט איז אָבער געווען לאַקאָנ-דיק ווי דער האַריזאָנט, מיט אייגנ-אַרטיקער חכמה אין דער וואָרטקונסט.

* * *

**נ. י. גאָטליב : „זעכציק"**
לידער און קריטיקאָגראַפיע פון 26 שרייבערס, וואָס האָבן געשריבן אָפּ-האַנדלונגען וועגן מחבר אין משך פון 1927-1962. די ביבליאָגראַפיע גיט אַ גוט בילד ווער און וואָס דער דיכטער איז און וואָס ער האָט אויפגעטון און דערגרייכט. דאָס בוך איז אַרויסגע-געבן פון נ. י. גאָטליב בוך קאָמיטעט, מאָנטרעאַל, קאַנאַד,ע 1964.

* * *

**ב. דעמבלין: „אין דער וועלט אַריין"**
ראָמאַן (בוך 3 ערב נאַכט). ס'איז דאָס ניינטע בוך פון מחבר; האָט 398 זייטן, איינגעשלאָסן אַ לענגערע ביבלי-אָגראַפיע; צוזאַמענגעשטעלט פון יעפים ישורין. געדרוקט אין ישראל. הויפּט-פאַרקויף „ציקאָ" ביכער צענטראַלע, ניו-יאָרק 1965.

* * *

**מיכל באָרוויטש:**
**„צוואַנציק יאָר שפּעטער":**
מיניאַטור-ביבליאָטעק ביים קולטור קאָנגרעס — פּאַריז.

* * *

**י. מאַניק :**
**„אין טריט פון דיין וואַנדער"**
לידער. אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פונעם וועלט צענטער פון יידישן פּע"ן קלוב, ניו-יאָרק 1964, געדרוקט אין ישראל.

**מלכה חפץ טוזמאַן:**
**„שאָטנס פון גערעכקען"**
לידער. דריי טיילן: אין טאָן מינאָר; דאָרט וואו די אָבות; אַ שפּאַן אַריבער. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „מנורה", תל-אביב.

* * *

**מענקע קאַץ: לידער בוך אין ענגליש**
מיט אַ גרעסערן אַריינפיר פון מיס טאַרנס. צו באַקומען ביים מחבר, 5224 ניו-יוטרעק עיי., ברוקלין 19 נ.י.

* * *

**„יוגנטרוף"—אַ נייער זשורנאַל**
אַ נייער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון דעם יוגנט-קאָמיטעט אין מאָנטרעאַל, ניו-יאָרק און פילאַדעלפיע. דעם נייעם זשורנאַל פון דער יידישער יוגנט דאַרף מען באַגריסן און דערמונטערן די יונגע אַרויסגעבער און ווינטשן זיי גרויס הצלחה און אַריכת ימים.

* * *

**וולאַדימיר גראָסמאַן:**
**„מענטשן און פּראָבלעמען"**
(זכרונות און געדאַנקען). הילע און ציכענונג פון בען. אַרויסגעגעבן פון מחבר, פּאַריז, 1964.

* * *

**ברכה קאָפּשטיין:**
**„יום-טוב און וואָך אין ישראל"**
(רעפּאָרטאַזשן). הילע געצייכנט פון ע. מ. ווינער. דאָס בוך פון איבער 340 זייטן איז אָנגעפּיקעוועט מיט אינטע-רעסאַנטן לייען-מאַטעריאַל. אַרויסגע-געבן פון דער מחברין אין ניו-יאָרק, 1965.

* * *

**ד"ר חיים שאָשקעס ע"ה:**
**„צווישן יידן אין ווייטע לענדער"**
אַ זאַמלונג פון זייער אינטערעסאַנ-טע קאָרעספּאָנדענציעס און דערציי-לונגען; האָט 468 ז"ז איינגעשלאָסן אַ ביבליאָגראַפיע צוזאַמענגעשטעלט פון יעפים ישורין. אַרויסגעגעבן פונעם פאַרלאַג „מנורה" תל-אביב.

## אינהאַלט פון 50 נומערן „די גאָלדענע קייט"

41 זייטן. אָפּגעדרוקט אין אַ סעפּע־ראַטער בראָשור, 1964, תל־אביב, ישראל. דאָס איז אַ פאַרקערפּערונג פון אַן ערך 15 יאָר יידיש ליטעראַריש שאַפן פון שריפטשטעלער וואָס לעבן אין די תפוצות און אין מדינת ישראל. ס'איז אַ גערעטעניש פון אַ ליטעראַטור וואָס שפּיגלט אָפּ איר אַקטועלקייט אויף אַלע געביטן וואָס דאָס וואָרט פון יידיש לשון האָט דערגרייכט.

זאָלן געשטאַרקט זיין די הענט פון אַ. סוצקעווער, אלעזר פּינעס און מלך קאַרפּינאָוויטש—רעדאַקציע פון דער „גאָלדענע קייט". דער אויפטו פון אַזאַ העפט איז אַ דערמאָנונג דעם יידישן לייענער, אַז די יידישע ליטע־ראַטור איז מקיים דעם המשך פון אירע פאָרגייערס; אירע שאַפער זיינען זיך ניט מייאש; זיי קאַפּיטולירן ניט; זיי זיינען בלב ונפש אין דעם גאַנג פון ליטעראַטור־שאַפונג, וואָס האָלט אַן איר קוואַליטעט.

חשובער חבר און קאָלעגע מאַטעס דייטש:

דערלויבט מיר איבערשיקן דורך אייער „חשובן" אַ בינטל האַרציקע ברכות צו דער שמחה פון פריינד יצחק פרידלאַנד, דער קולטור־גובערנאַטאָר פון ל. א.

איך האָב ליידער ניט געהאַט דעם כבוד צו באַגעגענען זיך פּנים־אל־פּנים מיט דעם בעל־שמחה — אָבער פון זיינע אַקטיוויטעטן אויף פאַרשידענע געביטן פון אונדזער קולטור פיל איך, אַז י. פרידלאַנד איז אַן אויפטוער, אַן אומרו און אַז עס שפּאַרט פון אים מיט פרישע קוואַלן לעבנס־ענערגיע צום שאַפן אין יידיש.

סייווי, וואָס פאַר אַ ברכה איך זאָל ניט געבן אונדזער בכבודיקן בעל־שמחה — און ווי אַ ייד אַ כהן בין איך אַ גאַנץ געניטער ברכה־טעכניקער—כאַפּ איך אַלץ אַ מציאה. פרידלאַנדן קומט אַ קיימא־לן פון מאה ועשרים פאַר יעדער אַקטיווי־טעט באַזונדער, ווי אַ פּראָדוקטיווער יידישער שרייבער, רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „חשבון", פּרעזידענט פון יידישן קולטור־קלוב, פונדאַטאָר פון די יערלעכע ליטע־ראַטור־פּרעמיעס און נאָך און נאָך. זאָלן זשע כאָטש די מאה ועשרים טאָקע זיין געבענטשטע מיט געזונט, מיט אייביק־יונגער אַרבעט־פרייד און זאָל דער בעל־שמחה, מיט אונדז אַלע אינאיינעם, דערלעבן נחת ביי דער יידישער ליטעראַטור. אָמן. אייער, מיט כבוד און האַרציקע גרוסן,

מ. גראָס־צימערמאַן, (תל־אביב, ישראל)

חשובער מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר פון „חשבון":

צו זיין 50סטן יובל יום־טוב באַגריס איך דעם בעל־שמחה, יצחק פרידלאַנד, דעם זייער טאַלאַנטפולן נאָוועליסט, עקשנותדיקן יידיש־ליבער און געטרייען רעדאַקטאָר פון דעם בכבודיקן זשורנאַל „חשבון", דעם איינציקן ליכטיקן שטערן אין יידיש־אַמעריקאַנישן מערב.

זייט געשטאַרקט און פאַרבלייבט אויף לאַנגע געזונטע יאָרן אין אונדזער שעפערישער משפחה.

מיט וואַרעמקייט און דרך־ארץ שמעון וואוזיק (ראָטשעסטער)

חשובער קאָלעגע מאַטעס דייטש:

קאָלעגע י. פרידלאַנד'ס 50 יאָר שאַפן און טוען האָבן זיכער פאַרדינט אַז מ'זאָל אַ פּלי טאָן צו אייער זוניק לאַנד און פערזענלעך אים זאָגן אַ יישר־כוח ווי עס קומט אים. בעט איך אייך זיין מיין שליח און אים איבערגעבן אונדזערע וואַרעמסטע ברכות. זאָל דער כוח וואָס האָט אים געשטאַרקט און דערפירט צו די עצה־יאָרן, ווייטער דינען צו קענען טאָן און שאַפן מיט געזונט און שלוה.

אייער, יעקב זיפּער (מאָנטרעאַל, קאַנאַדע)

# צו די היטער פון יידישן וואָרט מיין ברכה

אַ גרויסער יידישער קיבוץ אָן אַן עין־הרע, און וואו זיינען אַהינגעקומען די יידישע אותיות פון אַזאַ עיר ועם ?

ניט קיין צייטונג, ניט קיין וואָכנבלאַט, ניט קיין חודש־שריפט — גאָרניט! קדיש איך סידור — מיט לאַטיינישע אותיות; קומען יידן דאַווענען, רעדט מען צו זיי אַ פרעמדע שפּראַך. אפילו צום יידישן גאָט רעדן דאָך שוין יידן אויף אַלע שפּראַכן, געבאָרגטע ביי גויים, אויסגעלערנט ביי גויים... פון פרעמדע גיטער טאָר מען ניט ברענגען קיין קרבנות צום יידישן גאָט...

אַז היטלער ימ"ש האָט געברענט יידישע ספרים, זיינען די אותיות די יידישע אַוועקגעפלויגן. זיי האָבן געהאַט צו וועמען צו פליען: צענדליקער צייטונגען אַלע טאָג אין הונדערטער טויזנטער קאָפּיעס, ביכער, ספרים; יעדער שטעטל האָט געהאָדעוועט פּאָעטן, שרייבער, און — כל בניך — אַלע יידן האָבן געליינט און געלערנט. יידישע קלאַנגען, יידישע ווערטער, יידישע אותיות האָבן געהאַט אַ היים. יידישע קינדער האָבן געלערנט די אותיות, די ווערטער, האָבן זיי געהאַט אַרום זיך, אין די היימען, אין די שולן, אין די גאַסן, אין די געלעזשאַפטן. איז דען געווען אַ יידישע שטוב אָן אַ ספר, אָן אַ צייטונג ?

... קומט אָן איין מאָל אין דריי חדשים אַ מאָגער העפטל „חשבון". אַט־די היטן נאָך דאָס יידישע אות! זאָגט עס אָן: נייך, נאָך ניט געשטאָרבן דאָס יידישע אות! די גרויסע, די רייכע יידן האָבן טאַקע פאַרלאָזן — עס שמעקט זיי ניט דאָס יידישע לשון; זיינען נאָך אָבער געבליבן די געטרייע היטער עטלעכע, ווייניק זיינען זיי, אָבער „עוד לא אָבדה!" אַרויסגעטריבן די מאַמע פון די רייכע פּאַלאַצן, האַלט זיך ביי די אָרעמע קינדער. יידן האָבן געלט, אָבער יידישקייט איז אָרעם. קומט זיי, די אָרעמע היטער אַ דאַנק! אַ יישר־כוח!

איז דאָס גענוג? — חס ושלום! זייער קלאַפּ! אין יעדער יידישע היים דאַרף אַריינקומען דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט, דאָס יידישע אות! יעדער יידישער ייד, אַ רב, אַ לערער, אַ טוער, סתם אַ ייד מוז האָבן אַ יידיש בוך, אַ יידישע צייטונג, אַ יידישן זשורנאַל. און עס דאַרף זיין אַ זשורנאַל, לכל הפחות ניט קלענער ווי דער וואָס גייט אַרויס אין אַ לאַנד וואו מען דריקט נאָך יידישקייט. וואָס? די יידישע קהלשע קאַסעס לייענען ניט קיין יידיש? נו און יענע אַנטי־סעמיטישע רעגירונגען לייענען דען יאָ? זיי האַלטן אויס! דאַרפן אויך די יידישע קהילות אויסהאַלטן און אַרויסגעבן דווקא מיט אַ ברייטער האַנט יידישע צייט־שריפטן. אָן דעם האָט אויך ניט קיין ווערט די הונדערטער מיליאָנען וואָס יידן גיבן אויס אויף דערציאונג. צו וואָס ?!

אָבער דערוויל שיק איך מיינע האַרציקע ברכות די עקשנים, וואָס האַלטן אויס אַ יידישע שריפט, וואָס שטרענגען זיך אָן און לאָזן ניט שטאַרבן דאָס יידישע אות! אַ ברכה און תחזקנה ידיכם! מיט מער מוט, מיט מער גלויבן און מיט מער חוצפה קעגן די אַלע פאַרלייקענער, מיט מער קאַמפלוסט קעגן די אינע־ווייניקסטע שונאים! טאָ זייט געבענטשט מיט מוט און גלויבן, און דער כבוד וועט ממילא קומען.

**א. גאָלאָמב**

משה שטאַרקמאַן

# שליחות

„גדול המעשה יותר מן העושה"— דאָס דערמוטיקן אַנדערע צו מעשים איז נאָך גרעסער און חשובער פון די אייגענע מעשים. דער דאָזיקער מאמר־חז"ל האָט זיך באַשטעטיקט אין דער יידישער ליטעראַטור דורך גרויסע פאַרלעגערישע און רעדאַקטאָרישע אויפטוען. שלום־עליכם, מרדכי ספעקטאָר און י. ל. פּרץ האָבן, איטלעכער אויף זיין שטייגער, באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט זייערע אייגענע שאַפונגען. אָבער רעדט מען וועגן זייערע דערגרייכונגען, מוז מען בפירוש דערמאָנען זייערע אויפטוען, ווי אַרויסגעבערס און ווי רעדאַקטאָרן. מ'קען ניט האָבן קיין אמתדיק בילד וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אָן אַ באַקאַנטשאַפט מיט דעם היסטאָרישן באַדייט פון אַזעלכע פּובליקאַציעס ווי שלום עליכמ'ס „יידישע פאָלקס ביבליאָטעק", מרדכי ספעקטאָרס „הויז־פריינד" און י. ל. פּרץ'ס „יידישע ביבליאָטעק." יעדער באַנד פון די דער־מאָנטע זאַמל־ביכער איז געווען אַן אינדזל פון יידישער וואָרט־יצירה אין צייטן ווען יידישע שאַפערישע כוחות האָבן באַדאַרפט מעגלעכקייטן צו קומען צום ליטעראַרישן אויסדרוק.

אויב אין אַזאַ גרויסער יידישער שטאָט ווי לאָס אַנדזשעלעס, אין אַ שטאָט מיט היפש־פאַרמעגלעכע יידן, איז פאַראַנען בלויז איין איינציק יידיש ליטעראַריש אינדזל, דער זשורנאַל „חשבון", מוז איטלעכער מודה זיין, אַז י. פרידלאַנד דערפילט אַ רעדאַקטאָרישע שליחות פון היסטאָרישן באַטייט — ווייל אַ דאַנק אים און זיינע באַמיאונגען איז לאָס אַנדזשעלעס ניט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער יידישער ליטעראַטור־מאַפּע. דערפאַר, בעת מען שאַצט י. פרידלאַנדס פאַרדינסטן ווי אַ בעלעטריסט, איז נויטיק אַרויסצוהייבן זיין ראָלע ווי אַ רעדאַקטאָר, ווי איינער וואָס דערמוטיקט אַנדערע צו שרייבן און ער ברענגט זייערע שאַפונגען צו דער יידיש־לייענדיקער עפנטלעכקייט. די דאָזיקע ראָלע, פרידלאַנדס, איז אַ רעדאַקטאָרישע שלומעליכם־ספעקטאָר־פּרץ־שליחות, וואָס אַנדערע וואָלטן באַדאַרפט נאָכטאָן, און נעמען אויף זיך ענלעכע אַרויסגעבערישע שליחותן.

קיין שום בר־דעת וועט ניט איינפאַלן צו מינימיזירן דעם באַטייט פון העלפן פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, אָדער דעם באַטייט פון צדקה בכלל, וואָס געהערט צו די סאַמע וויכטיקסטע מצוות מעשיות פון יהדות. אָבער אַ חוץ די מצוות, וואָס זיינען אַ חוב אויף אַלע יידן, דאַרף איטלעכער נאָרמאַלער ייד נעמען אויף זיך ספּעציעלע שליחותן, וואָס ניט אַלע זיינען גרייט צו דערפילן. צו אַזעלכע ספּעציעלע שליחותן געהערט די טעטיקייט פון פאַרמעגלעכע יידן אַרויסצוגעבן ווערק פון יחידים אָדער זאַמל־ביכער. ווער ס'וויל זיך קויפן אויף אַן אמת אומ־שטערבלעכקייט, וועט דאָס נישט דערגרייכן דורך אַ בעט אויף זיין נאָמען אין אַ שפּיטאָל־געביידע, וואָס וועט מיט דער צייט אַלט ווערן און מ'וועט זי איינ־וואַרפן; און ניט דורך אַ צימער אויף זיין נאָמען אין אַ מושב זקנים צי אין אַ יתומים־הויז — נאָר דורך אַ דבר של קיימא, דורך אַרויסגעבן אַ בוך אָדער זאַמל־בוך, וואָס וועט אייביק האַלטן לעבעדיק דעם אַרויסגעבערס נאָמען. אויב די בוך־בלעטער וועלן זיך האַלטן ביים צעפאַלן, וועלן דער טעקסט און דעם אַרויס־געבערס נאָמען אויפגעכאַפּט ווערן דורך פילם־קאָפּיעס אין די וויכטיקסטע ביבליאָטעקן.

זאָל די אַרבעט פון י. פרידלאַנד זיין אַ דערמוטיקונג פאַר אַנדערע. אפשר וועט פרידלאַנד'ס אידעאַליזם גורם זיין, אַז צו י. ל. פּרץ'ס פופציקסטן יאָרצייט, וואָס פאַלט אויס הייאָר חול-המועד פסח, זאָל מען געפינען אין לאָס אַנדזשעלעס אַ מעצענאַט, אָדער עטלעכע מעצענאַטן, צו דערפילן אַ גרויס שליחות און זיך גופא באַזאָרגן מיט אומשטערבלעכקייט — דורך פינאַנסירן אַ זאַמלבוך לזכר דעם פאָטער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור אויף יידיש.

## סאָלאָמאָן קאַהאַן (מעקסיקע)

# פרידלאַנד'ס פאַרבנרייכע פערזענלעכקייט

נישט אָפט באַגעגנט מען אַ מענטשן פון גייסט, וואָס, נאָך אַ האַלבן יאָר-הונדערט פון טעטיקייט אויף פאַרשידענע גייסטיקע געביטן, איז ער נאָך אַזוי רירעוודיק, אַז ער האַלט גאָר אין געוויסע הינזיכטן ביים אָנהייב.

צו אַזעלכע אַקטיווע, דינאַמישע גייסטער געהערט יצחק פרידלאַנד.

סאיז געגנוג צו נעמען אין האַנט אַריין וועלכן ס'איז פון די גאָר לעצטע נומערן פון דעם זשורנאַל „חשבון", כדי גלייך צו דערפילן, אַז ער ווערט רעדאַק-טירט דורך אַ מענטשן מיט אַ יוגנטלעכן גייסט. און וואָס פאַר מיר מיינט עס, דורך אַ מענטשן מיט ליבשאַפט צו אַלץ וואָס איז אָנגעפילט מיט וויטאַליטעט און מיט שיינקייט, וואָס איז איינער פון אירע אויסדרוקן.

מ'דאַרף זיין אַזוי יוגנטלעך אין גייסט, ווי דאָס איז פרידלאַנד, צו דערגרייכן ביי אַזעלכע נישט גינסטיקע באַדינגונגען, דעם צוועלפטן יאָרגאַנג פון „חשבון", אַזאַ פיינעם זשורנאַל, וואָס איינע פון זיינע מעלות איז דאָס אַרויסברענגען אַזוי גוט און אַזוי אָפט קאַליפאָרניע, וואו ער דערשיינט.

צו פרידלאַנד, דעם רעדאַקטאָר, קומט צו פרידלאַנד, דער בעלעטריסט, וועלכער וואָלט אפשר געקענט זאָגן וועגן זיך: „מיין בעכער איז טאַקע קליין, אָבער איך טרינק פון מיין בעכער."

און פרידלאַנד, דער זשורנאַליסט, זאָגט נישט זעלטן אַרויס געוואָגטע מיינונגען, אָנווייזנדיק אויף בלויזן און שאָטן-זייטן אין אונדזער יידישן לעבן.

איך קען די וויכטיקע געזעלשאַפטלעך-קולטורעלע אינסטיטוציע, וואָס ס'איז דער לאָס אַנדזשעלעסער קולטור-קלוב, און ס'איז צו פרידלאַנדס גרויסן כבוד דער פאַקט, אַז פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער, ווי זיין פאָרזיצער, מיט אים אָנגעפירט.

און דערצו איז ער נאָך לעצטנס געוואָרן אַ קולטור-מעצענאַט, ווי דער שאַפער פון דער יערלעכער פרידלאַנד-ליטעראַטור-פּרעמיע.

שעפּן די דאָזיקע אַלע מעלות ווייט נישט אויס די פאַרבנרייכע פרידלאַנד פערזענלעכקייט; אַ פערזענלעכקייט אין פולן בליען; אַ פערזענלעכקייט, וואָס איז אין פאַרלויף פון די יאָרן געוואָרן אַן אינסטיטוציע אין דעם יידישן קולטור-לעבן פון דער מלאכים-שטאָט, און איז רעפּרעזענטאַטיוו פאַר דער יידיש-קולטורעלער קאַליפאָרניע.

---

**פאַרן גיין צו דער פרעס האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז סאָלאָמאָן קאַהאַן איז נפטר געוואָרן. כבוד זיין הייליקן אָנדענק.**

**יצחק אייזנבערג** (תל־אביב)

# אַ ברכה פון דער ווייטנס

(ה׳ יצחק פרידלאַנד׳ן — צו זיין יובל)

די מאָדערנע היינט־צייטיקע קאָמוניקאַציע־מיטלען האָבן שטאַרק מקרב געווען צווישן זיך ימען און יבשות, פעלקער און לענדער. טראָץ דעם איז לאָס אַנדזשעלעס אין „ווייטן מערב״ פון אַמעריקע גאַנץ ווייט, געאָגראַפיש גענומען, פון מדינת ישראל. דער חתן היובל, ה׳ יצחק פרידלאַנד, וואוינט אַלזאָ גאַנץ ווייט פון אונדז. און טראָץ דעם, וואָס פערזענלעך קאָנען מיר זיך אויך נישט און די קאָנטשאַפט צווישן אונדז איז אַלע יאָרן בלויז אַ שריפטלעכע, איז ער מיר גאָר נאָענט און טייער. עס טוט מיר ווירקלעך לייד, וואָס אויך מיין דאָזיקע ברכה צו אייך, פריינט פרידלאַנד, איז אויך נישט מער ווי שריפטלעך און צוליב פאַר־שטענדלעכע טעמים האָב איך נישט די מעגלעכקייט צו דריקן אייער האַנט פון דער נאָענט, זאָגן אייך אַ „יישר כח״ פאַר אייער לאַנג־יאָריקער טעטיקייט און ווינטשן אייך פערזענלעך אַריכות ימים ושנים. לאָמיר האָפן אַז אַזאַ מעגלעכקייט וועט נאָך ווען עס איז געשאַפן ווערן!

י. פרידלאַנד האָט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין אַמעריקע די ליבע און פיעטעט צום געדרוקטן וואָרט און צום פעדער־מענטש נאָך פון דער „אַלטער היים״ אין מזרח־אייראָפּע און די דאָזיקע טיפע ליבע באַגלייט אים שוין במשך פון צענדליקער יאָרן. ער שרייבט אַליין פיל און זיינע בעלעטריסטישע ביכער וואָס זיינען דערשינען ביז איצט, האָב איך געלייענט מיט גרויס אינטערעס. אָבער נישט ווייניקער וויכטיק פון זיין אייגענער שרייבערישער טעטיקייט איז דאָס וואָס ער האָט אויך געזאָרגט צו שאַפן אַ טריבונע פאַר פיל אַנדערע שריפט־שטעלער און זשורנאַליסטן.

דער עצם פאַקט, אַז קיין צווייטער „חשבון״ איז פאָרלויפיק נישט אַנט־שטאַנען אין לאָס אַנגעלעס זאָגט דאָך עפּעס אונדז אַלעמען און ווער ווייסט צי וועט עס עמיצן געלינגען אויך אין דער צוקונפט. יאָ! מקיים זיין אויף אַ בכבודיקן אופן אַ יידישן זשורנאַל שוין באַלד צוועלף יאָר אין דער ווייטער לאָס אַנגעלעס אין וועלכער די שפּראַכלעכע און קולטורעלע אַסימילאַציע האַלט אין איין וואַקסן, ספּעציעל צווישן דער יוגנט, איז ווייט נישט קיין קלייניקייט. אַדרבא, זאָל עמי־צער פּרואוון אין דער דאָזיקער אַרבעט „קאָנקורירן״ מיט פרידלאַנדן און מיט זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, חברים און פריינט פון דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב.

די „פרידלאַנד פּרעמיע פאַר ליטעראַטור, וואָס ווערט פונאַנדערגעטיילט יאָר איין יאָר אויס, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן במשך פון דער צייט אין אַן אומ־מיטלבאַרן טייל פון אונדזער יידישער ליטעראַרישער ווירקלעכקייט. צענדליקער יידישע שרייבער האָבן שוין די דאָזיקע פּרעמיע באַקומען און האָבן געשעפּט דערפון דערמונטערונג פאַר דער פאָרזעצונג פון זייער ווייטערער אַרבעט במשך פון די נאָענטע יאָרן. י. פרידלאַנד גיט גוט אַכטונג, אַז די פּרעמיע זאָל געגעבן ווערן צו די יעניקע, וועלכע זיינען טאַקע ראוי דערצו.

אויך דעם חתן־היובל׳ס לאַנג־יעריקע טעטיקייט אויפן יידישן חינוך־געביט איז כדאי צו באַצייכענען ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט. האָפענטלעך איז די

אַרבעט, וואָס איז דורך אים אויפֿן דאָזיקן שטח אַריינגעלייגט געוואָרן — נישט אומזיסט און איז אַ קוואַל פֿון ברכה פֿאַרן גרויסן יידישן ישוב אין לאָס אַנגעלעס, וואָס האַלט אין איין וואַקסן פֿון יאָר צו יאָר, סיי אין כמות און סיי אין איכות.

פֿרידלאַנד'ס נאָמען איז אויך גוט באַקאַנט ביי אונדז אין ישראל.

פֿופֿציק יאָר עקשנותדיקע, איבערגעגעבענע, שרייבערישע און קולטורעלע טעטיקייט — איז אַ גאָר וויכטיקע דאַטע אין לעבן פֿון אַ יחיד און נישט נאָר פֿון אים אַליין, נאָר פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט אין וועלכער ער לעבט און אַרבעט. ווינטש איך דעם טייערן פֿריינט, ה' יצחק פֿרידלאַנד, נאָך לאַנגע און גוטע יאָרן פֿון פֿאַרצווייגטער שעפֿערישער טעטיקייט אויף אַלע געביטן. הלוואי זאָל ער אונדז אַלעמען געזונט און שטאַרק זיין און העלפֿן בויען, אויך אין דער צוקונפֿט, דעם בנין פֿון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור מיטן זעלבן ברען און איבערגעגעבנהייט, ווי עס איז געווען ביז איצט, כ ה ל ח י!

אייער, **יצחק אייזנבערג** (תל־אביב)

רעדאַקציע־מיטגליד פֿון צייטונג „הבוקר"
מיטגליד פֿון דער לייטונג פֿון יידישן וועלט־קאָנגרעס
מיטגליד פֿון דער צענטראַלע פֿון חינוך און קולטור פֿון הסתדרות אין ישראל.

---

## י י ד י ש ע ר פּ. ע. נ. ק ל ו ב (וועלט-צענטער אין ניו-יאָרק)

טייערע פֿריינד פֿון לאָס אַנגעלעסער קולטור־קלוב;
מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר פֿון "חשבון"

דער יידישער פּען־צענטער אין ניו־יאָרק שיקט אייך אַ האַרציקע באַגריסונג צום אויסטיילן די פּרעמיעס פֿון פֿרידלאַנד ליטעראַטור־פֿאָנד.

מיר גראַטולירן די פֿאַרדינסטפֿולע קאָלעגן שריפֿטשטעלער: דעם דיכטער און עסייאיסט **א. טאַבאַטשניק**, און דעם בעלעטריסט **א. מ. פֿוקס**, צום באַקומען די הייאָריקע פּרעמיעס.

מיר באַגריסן אויך אונדזער חשובן קאָלעגע, דעם שריפֿטשטעלער י. פֿריד־לאַנד, פֿאַר מעגלעך מאַכן דורך דעם פֿרידלאַנד ליטעראַטור־פֿאָנד, אויסצוטיילן פּרעמיעס יאָר איין יאָר אויס פֿאַר די אויסדערוויילטע שרייבער.

דער יידישער פּע"ן־צענטער אין ניו־יאָרק שיקט אייך אַ האַרציקע באַ־גריסונג צו דער פֿייערונג פֿון פֿופֿציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט פֿון דעם שריפֿטשטעלער **י. פֿרידלאַנד.**

מיר ווינטשן דעם בעל־היובל אַריכות ימים און אַ סך געזונטע, שאַפֿערישע יאָרן, ער זאָל אויך ווייטער, אָן אויפֿהער, מיט דער זעלבער איבערגעגעבנקייט און עקשנות אַרויסגעבן דעם פֿערטל־יאָר שריפֿט „חשבון" און אויסטיילן די יערלעכע פּרעמיעס פֿאַר ליטעראַטור צו יידישע שרייבער.

מיט קאָלעגיאַלן גרוס,

פּרעזידיום פֿון פּע"ן־צענטער:

**א. גלאַנץ־לעיעלעס**, פּרעזידענט
**ד"ר עזריאל נאַקס**, וויצע־פּרעזידענט
**ל. פֿיינבערג**, אינטערנאַציאָנאַלער סעקרעטאַר
**ש. אַפּטער**, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר

# יובל באַגריסונגען צו י. פרידלאַנד

ליבער קאָלעגע מאַטעס דייטש:

די שמחה לכבוד דעם ליטעראַרישן יובל פון דעם ליבן קאָלעגע י. פריד־לאַנד איז ניט נאָר די שמחה פון דער משפחה פון יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין לאָס אַנדזשעלעס, נאָר אויך פון דער גרויסער יידישער ליטעראַרישער משפחה איבער דער וועלט.

מען שעצט אים אומעטום ניט נאָר פאַר זיין אייגענער ליטעראַרישער אַרבעט ווי אַ בעלעטריסט און רעדאַקטאָר פון „חשבון" און פאַרן עקשנותדיקן קולטור־קאַמף, נאָר אויך פאַר זיין דערמוטיקן זיינע ברידער דערציילער און עסייאיסטן דורך דער גרינדונג פון דעם ליטעראַטור־פאָנד, וואָס טראָגט מיט כבוד זיין נאָמען.

איך פריי זיך מיט אייך און ווינטש אונדזער ליבן בעל־היובל געזונט און גליק צוזאַמען מיט זיין פרוי און משפחה, ווייטערדיקע הצלחה אין זיין שעפערי־שער אַרבעט אויף לאַנגע יאָרן.

מיט הברשן האַנטדרוק,

**אלף כץ**

ליבער קאָלעגע מאַטעס דייטש:

מיינע בעסטע גרוסן און וואונטשן צו קאָלעגע און פריינט, דעם שריפט־שטעלער און קולטור־טוער, יצחק פרידלאַנד, צום יובל פון זיין טעטיקייט.

אין די 50 יאָר פון זיין אַקטיוויטעט אין לאָס אַנדזשעלעס האָט קאָלעגע פרידלאַנד פיל בייגעטראָגן צו די באַמיאונגען, אַז די יידישע קולטור זאָל וואַקסן און געדייען... איך ווינטש אים נאָך פיל יאָרן פון פרוכטבאַרער ליטעראַרישער און קולטורעלער אַרבעט.

אייער,

**א. טאַבאַטשניק**

זייער חשובער פריינט און קאָלעגע, י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר פון „חשבון":

מיט פאַרדראָס וואָס איך קען ניט בייזיין ביי אייער שמחה, פאַרגיטיקט מיך די הנאה וואָס איך קען אייך כאָטש שיקן פון ווייטן די פאָלגענדע באַגריסונג צו אייער ליטעראַרישן יום־טוב, וואָס אויף אַ שטח פון פופציק יאָר אַקערט איר דעם ליטעראַרישן באָדן צום זעט פון יידישן וואָרט, פאַרן יידישן מענטש, און יידישן קיום.

זאָל אייך געשטאַרקט זיין דער ווילן און כוח אויף נאָך ווייטערע דערגרייכונ־גען אין די קומענדיקע יאָרן: סיי ווי אַ נאָוועליסט, זשורנאַליסט, און קולטור־עסקן, און אויך אויף ווייטער צו זיין דער אויספירער פון אייער ליבלינג־קינד „חשבון", וואָס איז אַן אָנגעזען פונקט אויף דער מאַפּע פון יידישלאַנד.

מיט אייערע ווערק, וואָס זיינען ציגל איינגעפונדעוועט אין דעם בנין פון אונדזער שאַץ־קאַמער, שיינט איר פאַר מיר מיט דער באַשיידנקייט פון אַ שייך־גייסט. זאָל אָט־די שיינקייט אייך דינען לעולם ועד.

מיט גאָר דער פריינדשאַפט — אייער

**לוי גאָלדבערג**

נ. ב. — מיין פרוי בתיה טיילט מיט מיר די זעלבע וואונטשן.

טייערער מאַטעס דייטש!

גיט איבער מיין האַרציקסטע באַגריסונג דעם איינגעשפּאַרטן יונג־זקן יצחק פרידלאַנד.

איבער גאָר דער וועלט האָט אונדזער וועלט־לשון יידיש אינדזלען און אומעטום איז דאָ דאָרט אַ ראָבינזאָן קרוזאָ — און אויף דעם יידיש־אינדזל לאָס אַנדזשעלעס איז עס יצחק פרידלאַנד...

מיט אַ סך פריינדשאַפט צו אייך אַלע

מלך ראַוויטש

---

ליבער פריינד, מאַטעס דייטש, סעקר. פון „חשבון":

איך שיק אייך די וווּיטערדיקע שורות צו קאָלעגע און פריינד י. פרידלאַנד.

איך באַגריס דעם אומדערמידלעכן שריפטשטעלער, י. פרידלאַנד, מיט זיין 50 יאָריקן יובל. זאָל ער נאָך לאַנגע יאָרן שטיין אויף דער וואַך און היטן די אוצרות פון דער יידיש קולטור ביים וווּיטן פּאַסיפיק.

מיט די בעסטע ברכות — לייב פיינבערג

---

מיין האַרציקע באַגריסונג צום חשבון יובילאַר, דעם שריפטשטעלער, רעדאַקטאָר און קולטור־עסקן, י. פרידלאַנד, צו זיין שיינעם יום־טוב.

זאָל ער נאָך לאַנגע יאָרן ברענגען שפע און ברכה אונדזער ליטעראַטור און קולטור.

חיים באַרקאַן (פילאַדעלפיע)

---

מיין טייערער און חשובער פריינד, י. פרידלאַנד:

איך בין זייער גערירט און צופרידן וואָס די פריינד אין לאָס אַנדזשעלעס פייערן 50 יאָר פון אייער טעטיקייט ווי אַ שרייבער, רעדאַקטאָר, קולטור־טוער און שול־עסקן, און אַוודאי ניט פאַרגעסן די פרידלאַנד ליטעראַטור פּרעמיע.

כ'ווייס אַז איר פאַרנעמט נישט בלויז די אויסגערעכנטע אַמטן און צו אייער קרעדיט דאַרף מען נאָך צוגעבן אַנדערע טעטיקייטן, וואו איר פאַרנעמט אַן אָנפירנ־דיק אָרט. אָבער די אויסגערעכנטע טעטיקייטן זיינען פון אַ גענוג גרויסער באַדייטונג און מען קען מיט זיי שטאָלץ זיין!

אייער נאָמען איז נישט בלויז באַקאַנט אין אַמעריקע, נאָר אומעטום וואו עס קלאַפּט אַ יידישער האַרץ. איר האָט אומעטום אייערע פאַרערער און לייענער. אַלע פרייען זיך מיט אייער יובל.

ווינטש איך אייך צו אייער 50 יעריקן יובל נאָך פיל, פיל שעפערישע יאָרן. איר זאָלט ווייטער פלעגן מיט פיעטעט דאָס יידישע וואָרט, ווו איר האָט עס געטון ביז היינט; איר זאָלט ווייטער באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור מיט פרישע ווערק און נייע פאָרמעסטונגען.

זאָלן געשטאַרקט זיין אייערע הענט!

אייער, הערץ בערגנער (אויסטראַליע)

---

ליבער מאַטעס דייטש:

איך שליס זיך גערן אָן אין קולטור יום־טוב, געווידמעט דעם חשובן יובי־לאַר, חבר און קאָלעגע י. פרידלאַנד.

מיינע וואונטשן און ברכות — אייער

בעריש ווײַנשטיין (ניו־יאָרק)

## פּרויען לייען-קרייזן בײַם קאָונסיל

באַגריסן דעם בעל-יובל, י. פרידלאַנד.

גאָסי סאַרטאַ, סעקרעטאַר

## דער אַרב. רינג לייען-קרייז

שאַצט אָפּ דאָס יידיש בוך, האַלט טייער די יידישע שפּראַך און האָט אַ געהעריקע אָפּשאַצונג פאַר קולטור-טוער און שאַפער פון אונדזער ליטעראַטור. ס'איז אַ כבוד פאַר אונדז צו באַטייליקן זיך אין דעם יובל פון אונדזער חשובן פריינד, י. פרידלאַנד.

מיר ווינטשן אייך נאָך אַ סך אַקטיווע, שעפערישע יאָרן.

סיידי פינקלשטיין, סעקרעטאַר

## ה. רויזענבלאַט לייען-קרייז

באַגריסט דעם חשובן בעל-היובל, רעדאַקטאָר פון „חשבון" י. פרידלאַנד, צו זיין 50 יאָריקע קולטורעלע און שריפטשטעלערישע טעטיקייט. מיר ווינטשן אים פיל געזונט און נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן.

גאָסי סאַרטאַ, סעקרעטאַר

## חיים גאָלדבלום לייען-קרייז

באַגריסט וואַרעם דעם חשובן שריפטשטעלער י. פרידלאַנד, צו זיינע 50 יאָר קולטורעלע און שרייבערישע טעטיקייט. מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך געזונטע שעפערישע יאָרן.

חייקע באַנק, סעקרעטאַרין

חשובער י. פרידלאַנד:

אונדזערע וואַרעמסטע גרוסן צו אייך, מיט וואונטשן פון כל טוב. זייט ממשיך די גוטע אַרבעט פון יידישגעדרוקטן, שעפערישן וואָרט, און תחזקנה ידיכם!

## פּרץ הירשביין צווייג

יידיש נאַציאָנאַלער אַרב. פאַרבאַנד

מאָריס דייטש, פאַרזיצער

י. טייטלבוים, סעקרעטאַר

חשובער רעדאַקטאָר י. פרידלאַנד:

מיר ווינטשן אייך נאָך אַ סך גוטע, געזונטע יאָרן אָנצוגיין מיט אייער שעפערישער אַרבעט פאַר אונדזער ליטעראַטור. מיט קולטור גרוס,

## יהואָש לייען-קרייז

פערל טעמפּער, קאַסירערין

חיה ניומאַן, סעקרעטאַרין

## ה. לייוויק לייען-קרייז

באַגריסט האַרציק דעם חשובן בעל-יובל יצחק פרידלאַנד, צו זיין 50 יעריקע קולטורעלע און שריפטשטעלערישע טעטיקייט.

חברה פּאַגאָרעלסקי, סעקר.

## רינגלבלום לייען-קרייז

באַגריסט דעם רעדאַקטאָר פון „חשבון" י. פרידלאַנד, צו זיינע 50 יאָר קולטורעלע און שרייבערישע טעטיקייט.

חברה אָדערבערג, סעקר.

## רחל בלאָשטיין לייען-קרייז

באַגריסט דעם בעל-יובל, י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר פון „חשבון".

פעני ראַבינסאָן, סעקרעטאַר

## דאָלניק לייען-קרייז

מרי באַגריסן דעם חשובן שריפטשטעלער, י. פרידלאַנד, צו זיינע 50 יאָר קולטורעלע און שרייבערישע טעטיקייט.

בערטאַ מילער, פאַרזיצערין

פעני אַדלער, סעקרעטאַר

ביילקע בלום, רעק. סעקר.

## באָראָכאָוו-פינסקי צווייג

**יידיש נאַציאָנאַלער אַרב. פאַרבאַנד**

באַגריסט דעם חשובן חבר י. פרידלאַנד, שרייבער, קולטור-עסקן און רעדאַקטאָר פון „חשבון" צו זיין פופציק יאָר קולטורעלע און בעלעטריסטישע טעטיקייט.

מיט די וואַרעמסטע און חברשע גרוסן —

מ. האָפמאַן, סעקרעטאַר

צום חבר י. פרידלאַנד, אַ סך געזונט געזונט און שעפערישע יאָרן.

**ריוואַ און מאַי זאָלאָטאַראָוו**

אונדזערע בעסטע וואונטשן פון כל טוב צו י. פרידלאַנד.

**שלמה און מלכה טוזמאַן**

אונדזער האַרציקע באַגריסונג צום חשובן בעל־יובל, חבר י. פרידלאַנד, לכבוד זיינע 50 יאָר קולטורעלע און שריפטשטעלערישע טעטיקייטן.

**מאַקס קרעמער, לאָטי פ. מלאך**

חשובער קאָלעגע מאַטעס דייטש:

מיינע בעסטע וואונטשן צו דעם „חשבון" רעדאַקטאָר און קאָלעגע, י. פרידלאַנד, דעם יובילאַר, פון פופציק יאָר אַקטיווע און ליטעראַריש־שעפערישע קולטור־אַרבעט. נאָך אַ סך לאַנגע, פּראָדוקטיווע און געזונטע יאָרן.

**ליליען האַמער**

מיין וואַרעמע באַגריסונג דעם רעדאַקטאָר פון „חשבון" י. פרידלאַנד, צו זיין 50 יאָריקן שאַפן יידישע ליטעראַטור. זאָל ער ביי אונדז זיין נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

מיט גרוס,

**חנה בושעל־סאָלאָוו**

די וואַרעמסטע וואונטשן אונזער לאַנגיאָריקן נאָענטן פריינד, י. פרידלאַנד, צום 50 יאָריקן יובל פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. זאָל ער מיט דער זעלבער פרישקייט, ווי ביז איצט, נאָך זיין אַקטיוו, עד מאה ועשרים שנה.

**ביילקע און שלמה האָכבערג**

חשובער סעקרעטאַר פון „חשבון", מאַטעס דייטש:

מיר באַגריסן דעם חשובן שריפטשטעלער, י. פרידלאַנד, און ווינטשן אים נאָך אַ סך פרוכטבאַרע ליטעראַרישע טעטיקייט. מיר באַגריסן אויך דעם „חשבון" צו זיין 12טן יאָרגאַנג.

**שלום עליכם חברותא ביים ים**

**י. גינזבורג, פּאַרזיצער**

**ק. אייזן, קאַסירער**

חשיבער מאַטעס דייטש:

אונדזערע האַרציקסטע ברכות צום חשובן בעל־היובל י. פרידלאַנד, צום 50סטן יאָר פון זיין קולטורעלן און ליטעראַרישן שאַפן.

**יוסף און פייגעלע פּאַניטש**

מיין האַרציקסטע באַגריסונג דעם חשובן יובילאַר, יצחק פרידלאַנד, און מיין וואַרעמע אַנערקענונג פאַר זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען און זיין קולטור־געזעלשאַפטלעכע השפעה אויף אונדזער קולטור־לעבן אין ל. א.

**ישעיה (שייע) אייבראַמסאָן**

אונדזערע האַרציקסטע ברכות צום חשובן בעל־היובל, יצחק פרידלאַנד— אַ סך געזונט און נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן. מיט גרוס,

**אייב און מיני שוואַרץ**

אונדזערע ליבן פריינט און חבר, דעם לאַנג־יאָריקן פּרעזידענט פון קולטור קלוב, י. פרידלאַנד. בעסטע וואונטשן פאַר געזונט און נאָך פילע יאָרן פון פירערשאַפט און ליטעראַרישע שעפערישקייט.

**שלמה און צילי צוקערמאַן**

אונדזערע בעסטע וואונטשן פאַר אייער געזונט, און ביכולת צו זיין אָנצוהאַלטן נאָך אַ סך יאָרן אייערע מעשים טובים לטובת הכלל. אייערע,

**יוסף און דזשעני וויינמאַן**

חשובער פריינט י. פרידלאַנד:

מיינע האַרציקע ברכות צום פאַרדינסטפולן יובילאַר, י. פרידלאַנד. מיר ווינטשן אייך אַ סך געזונטע שעפערישע יאָרן צוזאַמען מיט אייער פרוי. אייערע,

**דבורה און ד"ר ח. מ. ראָטבלאַט**

חשובער חבר מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר פון „חשבון":

מיין וואַרעמע באַגריסונג לכבוד חבר י. פרידלאַנד צום יובל פון זיין שאַפן.

מיט גרוס,

**ה. ראַבינזאָן**

**קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט, בר. 413 אַ. ר.**

באַגריסט האַרציק אונדזער חשובן מיטגליד, דעם פאַרדינסטפולן קולטור־עסקן און שרייבער, צו זיינע 50 יאָר קולטורעלע און שריפטשטעלערישע טעטיקייטן. מיר ווינטשן אים צוזאַמען מיט מוסין, פיל געזונט און נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן.

מיט קולטור גרוס,

**קאַרל העלפּער**, סעקרעטאַר

* * *

די פאָלגנדיקע חברים פון קראָפּאָטקין ליט. געזעלשאַפט באַגריסן דעם חשובן יובילאַר, י. פרידלאַנד:

**איזגור און פעני, מ. און ב. נאָדל־מאַן, די וויינשטאָקס, די פעלד־האַרן, משה און בלומע שטיינבערג, קאַרל און ראָזע, איידאַ גאַלאָוויי, איידע לערער, פריינט ראָט, די סוראַסקים, יעטאַ ליוויי, און זעלדא.**

---

**קולטור־ווינקל**

באַגריסט דעם חשובן יובילאַר, דעם שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר פון „חשבון", י. פרידלאַנד.

פיל שעפערישע יאָרן ווי ביז איצט.

**חנה ראָדזשערס**, סעקרעטאַר

---

פריינד י. פרידלאַנד:

פון טיפן האַרצן ווינטשן מיר אייך, מיט אייער מוסין, לאַנגע און געזונטע יאָרן און זיין אַזוי ליטעראַריש שעפעריש ווי ביז איצט. אייער—

**ליובע און שמואל ברייינין**

---

**יצחק און בלימע גרינשפּאַן**

ווינטשן דעם ענערגישן קולטור־טוער און שריפטשטעלער, י. פרידלאַנד, פיל שעפערישע יאָרן. כל זמן ל. א. פאַרמאָגט אַזוינע עקשנים וועט נאָך זיין אַ יידישער קולטור־קלוב און די ליטעראַרישע שריפט „חשבון."

---

**U. S. FOODS**

*Best For Values*

Washington & Centinela Blvds.

מיר ווינטשן דעם חשובן יובילאַר, יצחק פרידלאַנד, נאָך אַ סך יאָרן פון שעפערישע ליטעראַרישע און קולטורעלע טעטיקייט.

„למען יאריכון ימיך על האדמה."

**ד"ר יצחק און פרוי ליבע בעניש**

---

חשובער מאַטעס דייטש, סעק. „חשבון"

מיט כבוד באַגריס איך דעם טאַלאַנטפולן שרייבער און חבר, י. פרידלאַנד, צו זיין 50סטן יובל פון זיין קולטורעלע און ליטעראַרישע טעטיקייט. ער זאָל אָנגיין פאַר אַ סך יאָרן.

**חבר און חברה שאול אדעס**

---

אונדזער האַרציקע באַגריסונג דעם דעם ליבן פריינט י. פרידלאַנד צו זיין 50 יאָריקן יובל שריפטשטעלערישע טעטיקייט און 25 יאָריקן פּרעזידענטן אַמט און ענערגישער פירער פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב.

מיט ליבע און פריינדשאַפט,

**אלקנה און העלען כראבלאָוו**

---

חשובער פריינד י. פרידלאַנד:

מיר ווינטשן אייך צו אייערע 50 יאָר זשורנאַליסטישע און קולטור טעטיקייט נאָך אַ סך געזונטע, שעפערישע יאָרן.

**שרה און משה ווינאַרסקי**

---

חשובער מאַטעס דייטש,
סעקרעטאַר פון „חשבון":

אונדזערע וואַרעמסטע ברכות דעם חבר יצחק פרידלאַנד צו זיינע פופציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקייטן. מיר ווינטשן אים נאָך לאַנגע, געזונטע, שעפערישע יאָרן עד מאה ועשרים.

**יעקב און רעי קאַהאַן**

---

צו אונדזער פיליאָריקן חבר און פריינד י. פרידלאַנד, ווינטשן מיר נאָך אַ סך יאָרן פון געזונט און שעפערישקייט פאַר די אידעאַלן וואָס איז אונדז ליב און טייער.

אייערע האַרציקע פריינד,

**בען און מאַניע סאַפּקין**

# באַגריסונגען פון פריינד און קאָלעגן צום חשובן בעל-היובל
# יצחק פרידלאַנד

הערי לאַנג
יצחק און פעני איזגור
אַריה און בעלאַ פּאַזי (ניו־יאָרק)
יוסף און דזשעני וויינמאַן
שלמה און ציליע צוקערמאַן
ווילי שאָר
ד"ר פּאַביאַס בערמאַן
ד"ר און ליבע בענעש
אַנאַ סאָלאָוו (עלסינאָר)
פּינטשע און פעני בערמאַן
יהושע און מיני גרינהאָף
יהושע ריווין (קליוולאַנד)
גאָלדע דראַזד
אַלעקס און בעקי קאַרסאָן
שלום עליכם חברותא
הערי און סאָפיע שטערנפעלד
ישראל און מרים ברזלי
בען און בערטאַ קאַמסקי
לוי גאָלדבערג ניו־יאָרק)
מענדל גאָלדפאַרב
ישראל גובקין
ז. און יעטאַ בונין
חבר און חברה סאָול אַדעס
מרים און יונה בערקאָוויטש
יצחק און חיה ניומאַן
חבר און חברה מאַקס בלייוויס
איזידאָר און חברה סטענזער
חבר און חברה ה. ראַבינסאָן
עליה און חנה מאַרדען
דוד און סיידי ווינער
שמואל און ליבע ברייגין
מאַקס און חוה קאַרסאָן
וולאַדימיר גראַסמאַן (זשענעוו)
תנחום און טילי בריס
חבר און חברה י. ליוואַק
פרענק און באַבי העריסאָן
נתן פאַדעמבערג
שרה האַמער־דזשאַקלין
סאָול און בעלאַ שפּיגלמאַן
צבי און יהודית אייזנמאַן (ישראל)
הערץ בערגגער (אויסטראַליע)
מלך ראַוויטש (קאַנאַדע)
יעקב זיפּער (קאַנאַדע)
ד"ר קאַרל שוגאַר
שמעון וואָזעק (ראַטשעסטער)
אליהו שוואַרץ (ראַטשעסטער)
חיים און באַשקע שאַפּיראָ
חברה סאָפיע שלעזינגער
חברה גאָסי אייראָוו
(אין אַנדענק פון מיין ליבן מאַן אהרן)

לואיס שקאָלניק (קליוולאַנד)
יעקב און רעי קאַהאַן
שלמה און ביילקע האָכבערג
חיים באַרקאַן (פילאַדעלפיע)
ביילקע און ישראל בלום
דזשאָ פּאָול (פילאַדעלפיע)
בען און מאַניע סאַפּקין
סיידי פינקלשטיין
אַלעק און שפרה ראַבין
מוישל וויינבערג (שיקאַגע)
אייב און מיני שוואַרץ
שייע אייבראַמסאָן
ד"ר חיים און דבורה ראָטבלאַט
חיים און פערל אָסטראָווסקי
זלמן און ציליע זילבערצווייג
משה און שרה וויגאַרסקי
אַלקאַן און עלען כראַבלאָוו
סעם און דאָרע לעווין
חבר חאַצקל סיגאַל
יצחק און פעי סאַפּיאַן
חבר ס. פריזענט (ניו־יאָרק)
מאָריס און רות דייטש
חבר נתן אַזאָלין
מאַטעס און באַשקע דייטש
מאַי און ריווע זאָלאָטאַראָוו
מלכה און שלמה טוזמאַן
בען פיינבערג (סאַן דיעגאָ)
אליהו טענענהאָלץ
פיליפּ און רבקה ברוידע
מאיר און מעי לעדערמאַן
יוסף און פייגעלע פּאַניץ
אברהם און ליובע באַביטש
משה און הינדע וויסמאַן
נח און לאה גאָלדבערג
חבר און חברה ה. ראָטבלאַט
אַלטער עסעלין (מילוואָקי)
ישעיה שעכאַטאָוו
משה און מרים אדערבערג
משה קנאַפּהייס (אַרגענטינע)
יעקב גלאַטשטיין
משה צוקער
חבר און חברה י. גרינשטיין
יעטאַ און שמחה גרעי
יצחק און חברה זאַגלין
יעקב שמואל טויבעס
חבר און חברה ווייזלמאַן
משה קאַפּלאַן
לינאַ לאַגין
חבר און חברה ליינער
חברה מלכה רויזענבלאַט